# מוסדותינו




#13

ארויסגעגעבן דורך:

ישיבה תו"י ובית רחל דרב"י מסאטמאר, קרית יואל יצ"ו

נייעס, אינפארמאציע און אנטוויקלונגען פון אונזערע מוסדות הק' מיט איבער 6,000 קינדער כ"י

אדר-ניסן תשס"ט


# פילע הונדערטער מלמדים ומחנכות קוקן ארויס אויף הצלחה פון "ביומו תתן שכרו קאמפיין" שע"י מוסדות קרית יואל

## שווערע מצב פון די מוסדות הק' צווינגט אונטערצונעמען גרויסן קאמפיין צו שאפן ביז פסח קרוב צו 3 מיליאן דאלער!

היי יאר ווי אלע יארן אין די פארגאנגענהייט האט די הנהלת המוסדות פראקלאמירט דעם "ביומו תתן שכרו" קאמפיין, וואס איר מאטיוו איז קלאר אז די הנהלה וויל קלאר 'דעקן' אלע חובות פאר אלע איינגעשטעלטע אין די ערב פסח טעג, וואס פאר דעם ווערט פראקלאמירט דער קאמפיין וואס איז מעורר דעם ציבור צו געבן קעש געלט, סיי אויפן חשבון פון דינער געלט, אדער אויף בן גמלא, צי סיי וועלכע אנדערע התחייבות פארן מוסד.

דער קאמפיין שטעלט זיך ארויס אלע יארן מיט גרויס הצלחה, עס איז איינע פון די וואונדערליכע מציאות'ער אז דייקא אין די שווערע אנגעצויגענע ערב פסח טעג, ווען אלעס קאסט אפ אזויפיל געלט, און פראקטיש וואלט געדארפט זיין 'הכיס ריק ואין בו', איז אבער דער מציאות פארקערט ווען דער ציבור

(פארזעצונג אויף זייט 9)

# פינאנציעלע נאטיצן...

- קורצע פאקטן איבער'ן שווערן מצב הגשמי פון די מוסדות הק' -

פון: די אדמיניסטראציע אפיס

זייט 5

אינהאלט:


נייעס........1-9
פינאנציעלע נאטיצן........4-6
די ערשטע און די מערסטע........10-11
מנהל כתה א'........13-17
מדי חודש בחודשו........18-22
בילדער אדר........23-25





אויספירליכער באריכט אויף זייט 2


די "מוסדותינו" ווערט ארויסגעשיקט פאר ביזנעסלייט תומכים.
אויב איר ווילט עס באקומען אין אייער ביזנעס דאן שיקט אריין צו דעם אדרעס:
utakjreport@gmail.com
אדער רופט אריין אין אפיס:
845- 783-5800 # 1013

# בוי-ארבעט פונעם נייעם בנין "בית רחל דרבינו יואל" מאכט פארשריט

## אויסטערלישער לחץ זו הדחק צווינגט צו פארשנעלערן די ארבעט

דער נייער פיר-שטאקיגער בנין פאר'ן "בית רחל" וואס ווערט געבויעט אויף בעיקערטאון ראוד, האט אין די פארגאנגענע וואכן געמאכט פיל פארשריט. די בוי ארבעט גייט אָן גאר העפטיג אויף א מאסיווען פארנעם, צו די פרייד פון אלע תושבי קרית יואל, ובפרט פון די טויזנטער הורי התלמידות, וועלכע קוקן ארויס אויפ'ן טאג ווען דער נייער בנין וועט אי"ה נתחנך ווערן און ס'וועט בעז"ה ווערן א שטארקע פארלייכטערונג און תועלת פאר'ן חינוך הבנות פון די הייליגע מוסדות הק'.

ס'איז הארצדערפרייענד מיטצוהאלטן די שנעלע פארשריט פונעם בנין החדש. די ארבעט גייט ב"ה אָן מיט גרויס אימפעט און דער פארשריט זעט זיך אָן פון טאג צו טאג, מיט די האפענונג אז מ'זאל אי"ה קענען ענדיגן די ארבעט ווי שנעלער, און מחנך זיין דעם בנין החדש והמפואר, האפנטליך אויפ'ן זמן הלימודים פון קומענדיגן ווינטער, בשעה טובה ומוצלחת.

### בונים בית חדש:

דער שווערער לחץ זו הדחק האט געברענגט צום באשלוס פון די הנהלת המוסדות, זאפארט אריינצושפרונגען אין א ריזן פראיעקט, אויפצובויען דעם פרישן (זעקסטן) בית רחל געביידע, כדי צו לינדערן דעם שרעקליכן מאנגל אין פלאץ.

דער נייער בנין וועט אנטהאלטן 4 גרויסע שטאקן מיט א בעיסמענט, אקאמאדירנדיג 34 פרישע קלאסן לחינוך הבנות פאר בערך 1,000 תלמידות כ"י בליעה"ר, צוויי גרויסע הרחבה'דיגע עס-זאַלן, א גרויסע רחבות'דיגע קאך, און אפיסעס פאר די הנהלה רוחנית.

צוליב דעם גרויסן נחיצות און לחץ, האפט מען אז דער בנין וועט זיין פארטיג ווי שנעלער. יעצט לערנען איבער 25 קלאסן אין



בעיסמענטס און אין טרעילארס, אונטער זייערע שווערע אומשטענדן, און ס'איז צו ערווארטן אז אויף קומענדיגן ווינטער וועלן צוקומען נאך 5-6 קלאסן און דער נייער בנין וועט זיין כמעט אנגעפילט, און אויסער דעם נחיצות וואס מ'איז שטארק אנגעוויזן אויף די צוגעקומענע קלאסן, שטייגן די הוצאות דורכ'ן פארשלעפן די צייט.

### אם אין קמח אין תורה!

בלויז די בוי-ארבעט ביז יעצט האט שוין געקאסט איבער א מיליאן דאלאר, און אצינד קומט א פרישע טייערע שטאפל פון אריינציען די עלעקטריק, פלאמבינג, און אלע אינעווייניגסטע איינריכטונגען, וואס ווערט געשאצט אפצוקאסטן א פרישע דריי פערטל מיליאן דאלאר, דערנאך קומט די ארבעט אויסצושטעלן און צורישן די קלאסן און צוענדיגן דעם בילדינג, וואס דאס וועט באזונדער אריינציען אין שווערע געלטער.

ווי די הנהלה באטאנט איז אפילו נאכדעם וואס ס'וועט האפענטליך געשאפן ווערן די נויטיגע סכומים פון אלע גרעסערע נדבנים, איז נאך אלץ ערווארטעט א דעפיציט פון באלד צוויי מיליאן דאלאר, און דאס איז נישט מעגליך צו דעקן, נאר אויב דער גאנצער ציבור איז זיך משתתף אינעם קאמפיין.

דערפאר איז אונטערגענומען געווארן א ספעציעלן שותפות קאמפיין מיט'ן פארלאנג פון די אלע וועלכע קענען זיך נישט ערלויבן מנדב צו זיין א חדר, אז מ'זאל כאטש קויפן בשותפות א זכות אינעם בנין, פאר'ן סכום פון $1,800, און נאר מיט די הילף פון די חשוב'ע שותפים וועט מען בעז"ה קענען אויסצאלן און גומר זיין דעם פראיעקט במהרה.

### את הלחץ זו הדחק:

**פאלגנד איז א שטיקל איבערזיכט אויפ'ן שווערן לחץ וואס הערשט אין די בניני בית רחל:**

- 14 קלאסן צעשפרייט אויף פארשידענע פראוואזארישע פלעצער, ווי: האלוועיס, בעיסמענטס, סטארעדזש צימערן, אלטן שערי חמלה בנין, א.א.וו.
- 22 קלאסן אין פראוואזארישע טרעילארס אונטער אומבאקוועמע אומשטענדן
- 6 קלאסן ווערן יעצט פריש איינגערישט אין נייע טרעילארס (זעה אין באזונדערע קאלום "פינאנציעלע נאטיצן")
- איין קלאס וואס מ'האט אראפגעציפט א שטיקל פונעם לאנטש-רום צו קענען פלאצירן נאך א קלאס
- קיין פלאץ פאר סטארעדזש איז כמעט נישטא, ממילא ליגט אלעס אנגעלייגט אין די האלוועיס, ווייל יעדע שטיקל פלאץ ווערט אויסגענוצט פאר א קלאס-צימער

# נייע צענטראלע טעלעפאן נומער פאר אלע בניני התלמוד תורה ארבעט זיך גוט אויס

אין א פרישע אנטוויקלונג מעלדט די הנהלת המוסדות פאר'ן ברייטן ציבור, איבער א נייע 'מעין נומער' וואס איז אין די טעג איינגעריכטעט געווארן אין די תלמוד תורה און ישיבות קטנות, וואס דורכדעם וועלן די חשוב'ע עלטערן קענען אריינרופן אין דעם נומער און קענען צוקומען צום מנהל אדער צום פאבליק טעלעפאן פון דעם אפטיילונג וואו דאס קינד לערנט.

די שריט איז געטון געווארן נאכדעם וואס דאס צוקומען צו א קינד איז געווען פארבינדן מיט שוועריגקייטן, ווען די מוסדות זענען זיך בליעה"ר זייער צעוואקסן, עס זענען דא מערערע בניינים, יעדע בנין עטליכע מנהלים, און אפטיילונגען מיט עטליכע פאבליק טעלעפאנען, און נישט יעדער טראגט מיט זיך שטענדיג א טעלעפאן בוך אויב דארף מען צוקומען צו א קינד וכדומה, אז מ'זאל וויסן ווי צו רופן.

ביז היינט איז שוין דא אזא סיסטעם אין בית רחל, וואס גייט שוין אן א היבשע צייט, און מ'האט זיך איבערגעצייגט אז דאס איז א תועלת.

יעצט ווען מ'האט צוגעלייגט דערצו אויך די בניני הת"ת איז דאס א וויכטיגע דערגרייכונג און א שטארקע סערוויס.

די נייע מעין נומער פון תלמוד תורה איז: 845-783-5850.

# הערליכע סכומים געשאפן דורך די תשב"ר בימי הפורים

א זיס בילד איז געווען, ווען במשך די פארגאנגענע ימי פורים, זענען די טויזנטער תשב"ר פון די מוסדות הק', ארומגעגאנגען פון הויז צו הויז נאך צדקה לטובת די מוסדות, אין וועלכן זיי ווערן נתחנך לתורה ויראה, וואס נאכ'ן צונויפזאמלען און צוזאמרעכענען אלע געלטער, האט זיך ארויסגעשטעלט א נחת'דיג בילד, אז אין בלויז געציילטע טעג זענען געשאפן געווארן גאר גרויסע סכומים.

עס איז שוין איינגעפירט יארן לאנג, אז אין די טעג פון פורים, ווען מצות צדקה איז פון די מצות היום, ווי חכז"ל זאגן כל הפושט יד נותנים לו, ווערן די תשב"ר איינגעשפאנט אין די הייליגע מצוה פון צדקה, ארומגייענדיג מיט פישקעס און זעקלעך, צווישן אלע הייזער פונעם שטאט, אויסשטרעקנדיג א האנט צו בעטן העלפן פאר די מוסדות הק', דער גולת הכותרת פון קרית יואל.

פון פילע תושבי העיר הערט מען ב"ה צוריק גוטע גריסן, וואספארא תענוג רוחני עס איז געווען צוזען, ווי די קינדערלעך מיט זייער איידעלען התנהגות און חן אויסגעגאסן אויפ'ן פנים, גייען ארום נאך געלט מיט דרך ארץ, ופירות מעידות אויף דעם הויכן חינוך ניווא פון די מוסדות, אשר כל רואיהם יכירון כי זרע ברך ה' המה.

אויסער וואס פורים איז טאקע א דבר בעתו צו גיין נאך געלט, ווערט בכלל באגריסט דעם רעיון, וואס איז א חלק פונעם עבודת הקודש און חינוך הבנים, אז פון די יונגע יארן זאלן זיך שוין די קינדער אויסלערנען עוסק זיין במצות צדקה, וואס כידוע האט דער מייסד המוסדות מרן רבינו הקדוש זי"ע געהאט דערביי א גרויסער ענין, אז מ'זאל אליינס ארומגיין נאך געלט, ווי כ"ק מרן רבינו שליט"א האט דאס דערמאנט און מעודד געווען ביים שושן פורים טיש אין גרויסן ביהמ"ד.

נאך אלעם איז אבער אויך ארויסגעקומען דערפון א שטארקע תועלת פאר די הנהלה גשמיות, ווען ס'האט זיך ווידעראמאל ארויסגעשטעלט דער קלארער פאקט "פרוטה ופרוטה מצטרפת לחשבון גדול", וואס איז א געוואלדיגער הילף פאר די מוסדות אין אזעלכע שווערע פינאנציעלע מצבים, צו קענען אנגיין מיט די ארבעט מיט אביסל מער רואיגקייט און הרחבת הדעת, וואס געוויס האבן אלע חשוב'ע נדיבים, אנ"ש ותושבי העיר א חלק דערין.

אין העולם מתקיים אלא בזכות תשב"ר!

**פארגעסט נישט די מלמדים און לערערינס פון "אייערע" קינדערלעך! ביומו תתן שכרו**

# פינאנציעלע נאטיצן...

**- קורצע פאקטן איבער'ן שווערן מצב הגשמי פון די מוסדות הק' -**

פון: די אדמיניסטראציע אפיס

**אין צוזאמענהאנג מיט'ן "ביומו תתן שכרו קאמפיין", האבן מיר זיך פארבינדן מיט די אדמיניסטראציע אפיס, פון וואנען עס ווערט געפירט דער ברייט פארצווייגטער ווירטשאפט פון קרוב צו 25 מיליאן דאלער בודזשעט, אונטער די געניטע אנפירערשאפט פונעם אדמיניסטראטאר, הרה"ח ר' וואלף גליק הי"ו, צו הערן עטליכע קורצע נאטיצן איבער דעם שווערן פינאנציאלן מצב פון די מוסדות הק'.**

**פאלגענד ברענגען מיר אראפ עטליכע הויכפונקטן פונעם אנגעצויגענעם מצב, וואס אפעקטירט שטארק די גאנצע ווירטשאפט פונעם אפיס.**

## פרישע הוצאות פון חודש אדר

### • בעביסיטינג סיסטעם רענאוואציעס

ווי באקאנט ווערט שווין יארן צוגעשטעלט א ספעציעלע אומזיסטע "בעביסיטינג סערוויס" פאר לאנג-יעריגע עקספיריענסד טיטשערס אין "בית רחל", וואס דאס אליין קאסט אפ שווערע טויזנטער דאלארן יעדעס יאר, וואס די הנהלה האט גענומען אויף זיך פאר'ן תכלית פון די קינדער, צו קענען האבן געלונגענע ערפארענע מחנכות פאר די תלמידות.

די בעביסיטינג ווערט צוגעשטעלט פאר די ערפארענע לערערינס מיט גרויסע שטיבער בליעה"ר, וואס דאס טוט ערמעגליכן אז זיי זאלן ווייטער קענען קומען אין שולע מחנך צו זיין די תלמידות, און נישט דארפן ערזעצט ווערן דורך נייע פרישע טיטשערס מיט ווייניגער ערפארונג.

פאר די באקוועמליכקייט פון די סערוויס האט מען לעצטנס אונטערגענומען א פראיעקט, אריבערצוציען דעם בעביסיטינג אפטיילונג אינעם אלטן סקול דיסטריקט געביידע, וואס געפינט זיך נעבן דעם "בית רחל" געביידעס, מיט א שטאב פון ערפארענע בעביסיטערס.

אבער כדי נאכצוקומען אלע שטרענגע רעגולאציעס אז ס'זאל זיין אויסגעהאלטן געזעצליך פאר דעם צוועק, דארף מען איצט גענצליך **רענאווירן דעם בעיביסיטינג געביידע, וואס שלעפט אריין אין א פרישע הוצאה פון "שווערע צענדליגער טויזנטער דאלארן"!**

### • פרישע קלאסן/טרעילארס - חודש אדר

עס איז ב"ה א פריידיגע פראבלעם מיום התייסדות המוסדות הק', אז אונזערע מוסדות פלאגן זיך כסדר מיט "מאנגל אין פלאץ". די מוסדות וואקסן ב"ה מיט זייער א שנעלן טעמפא בליעה"ר, און די בנינים ווערן שנעל איבערגעפולט כ"י, וואס דאס צווינגט די הנהלה צו זיין כסדר פארנומען מרחיב צו זיין די גבולי הקדושה און אויסגעבן גרויסע געלטער וואו צו קענען פלאצירן די קינדער.

אממערסטנס זעט זיך איצט אָן דער לחץ זו הדחק אויף א געוואלדיגן פארנעם אין "בית רחל", וואו אלע בנינים זענען איבערגעפולט איבער אלע ברעגעס, אויף אזוי ווייט אז א גרויסע טייל תלמידות זענען פלאצירט אין פראוויזארישע טרעילארס אונטער אומבאקוועמע אומשטענדן.

כדי צו קענען עמוירדזשענסי לינדערן דעם וואקסנדן לחץ זו הדחק, האט מען מיט געציילטע וואכן צוריק צוגעקויפט פרישע טרעילארס וואס, **בלויז דאס אפקויפן אליינס, האט אפגעקאסט $20,000.**

באזונדער, דאס איינריכטן די טרעילארס פאר די נייע קלאס צימערן - וואס ווערט יעצט געטון דורך די אייגענע געטרייע מעינטענענס שטאב, אנגעפירט דורך ר' מענדל לענעראוויטש הי"ו - **קאסט אפ עקסטער נאך ארום $15,000!**

## הוצאות געשטיגן היי יאר

יעדער ראש המשפחה דערקענט דאס זייער גוט ביי זיין אייגענעם בודזשעט, ווי די דורכשניטליכע הוצאות זענען דראסטיש געשטיגן, און מען פלאגט זיך יעדן חודש צו דעקן די בילס, די גאז און לעקטער, אינשורענס וכדומה וכדומה, אבער פילפאכיג מער באטרעפט דאס ביי

אזא ברייטפארצווייגטע אימפעריע, וואס אפילו אין די גוטע צייטן האט דאס אפגעקאסט אסטראנאמישע ציפערן, און כש"כ היינט צו טאג ווען אלעם איז געשטיגן.

צווישן אנדערע אלע רעגלמעסיגע הוצאות, איז במשך דעם פארלאפענעם יאר שטארק געשטיגן:

- **געז און עלעקטעריק בילס!**
- **לייעביליטי אינשורענס פאר אלע בנינים!**
- **פעיראל פאר די איינגעשטעלטע!**

## פארלוירענע הכנסות

- **פראגראמען געשניטן**

אין די לעצטערע צייטן האבן די מוסדות פארלוירן ריזיגע געלטער פון פארשידענע פראגראמען, סיי צוליב וואס פארשידענע פראגראמען זענען געשניטן געווארן, צב"ש: די mandated פראגראם פון די סטעיט, וואס איז **געשניטן געווארן מיט 8 פראצענט.**

ווי אויך, צוליב וואס די רעגולאציעס פאר די רעגירונגס פראגראמען, ווערן וואס אמאל שווערער און שטרענגער, מ'דארף וועלקגעבן אסאך מער אפיס שעה'ן, שטאב און גרויסע געלטער, זענען די פארדינסטן דערפון אסאך ווייניגער ווי אמאל.

באזונדער האט מען **פארלוירן $300,000 אין עסן פראגראמען,** צוליב ביוראקראטישע פראבלעמען.

ווי אויך, נאכדעם וואס די רעגירונג האט געהאט אפגעשטעלט די פראגראמען געלטער פאר א שטיק צייט, און אינדערצווישן איז דער יקרות פונקט געווען אויף א געוואלדיגן הויכן פארנעם, וואס האט באזונדער שווער באטראפן די הנהלת המוסדות אין דעם אומגערישטן קריזיס, ביז מ'האט צוריקבאקומען די געלטער.

- **שמחה זאלן**

ווי באקאנט איז די הנהלת המוסדות דאהי אין קרית יואל, געווען די ערשטע זיך צוצושטעלן צו די חתונה תקנות דורכ'ן רבי'ן שליט"א, צו זיין א מסייע לדבר מצוה צו העלפן דעם חשוב'ן ציבור אנ"ש בעת שמחה, בפרט אין די היינטיגע שווערע צייטן.

די הנהלת המוסדות שפירט זיך גליקליך און צופרידן צו זיין א חלק פון דעם געוואלדיגן אויפטוה, אבער פונעם אנדערן ריכטונג דארף אנגעמערקט ווערן, אז די הנהלה האט דערמיט מוותר געווען א ריזיגע הכנסה פון ארום **א פערטל מיליאן דאלאר,** וואס ווערט אצינד עלימינירט פונעם בודזשעט, סיי צוליב וואס די תנאים מסיבות און קלענערע שמחות זענען שוין עפ"י רוב עלימינירט געווארן, און נאך מער איז ערווארטעט בעתיד, צוליב די צוקונפטיגע ביליגע הנחות אי"ה ביים חתונה מאכן אין "אולם עקשטיין", וואס איז מיט $1,300 ביליגער ווי אין "פאראדייס".

- **בוטשער**

כדי צו קענען נאכקומען דער פארלאנג פונעם עולם האט מען לעצטנס געדארפט אינוועסטירן ריזיגע געלטער צו רענאווירן און פארברייטערן דעם קרית יואל פלייש געשעפט, און פאר **די קומענדיגע 2-3 יאר קען מען נישט רעכענען אויף אירע הכנסות.**

- **ועד הקריה**

במשך די פארלאפענע יארן האט "ועד הקריה" גאר שטארק ארויסגעהאלפן די מוסדות הק', צו קענען דעקן טייל פון דעם דעפיציט, אבער שוין עטליכע יאר וואס "ועד הקריה" האט נישט פארקויפט קיין שום נייע שטחים אין די שטאט, דערפאר קענען זיי מאמענטאל נישט נושא בעול זיין בהחזקת המוסדות הק'.

חוץ מזה האט 'ועד הקריה' אינוועסטירט שווערע מיליאנען דאלער אין גרויסע קעפיטעל פראיעקטן, צו שטעלן א יסוד הכנסה פאר יארן ארום בעז"ה, אבער ווי פארשטענדליך, ברענגט עס נאכנישט דערוויל קיין פראפיטן.

- **דינער נדבות רעדוקציעס**

איינע פון די לעצטערע גרויסע פארלוסטן אין הכנסות איז "דינער געלט", נאכדעם וואס פילע בעל בתי'ש אידן וואס פלעגן געבן גרעסערע נדבות צום דינער, האבן היי יאר ליידער נישט געקענט געבן, וואס דאס פאר זיך איז **א שאדן פון עטליכע הונדערט טויזנט דאלער!**

- **שכר לימוד רעדוקציעס**

דער עקאנאמישער מצב גאר שטארק אפעקטירט דעם שכר לימוד אפטיילונג, וואס ווי געמאלדן האט די שכר לימוד קאסע **פארלוירן ביי די לעצטע רעגיסטראציעס שווערע הונדערטער טויזנטער דאלער,** וואס פלעגט ביז היינט אריינקומען פון פונקטליכע צאלער, און אצינד צוליב זייער מצב הפרנסה זענען פאראן אזעלכע וואס קענען אינגאנצן נישט צאלן אדער זיי צאלן זייער ווייניג און נישט צייטליך.

## לעצטיגע חובות

- עס דרייט זיך אינדרויסן העד-טשעקס וואס די מוסדות האט ארויסגעגעבן פאר פעיראל, וואס ווערן ערשט פעליג אין יולי למס', דאס אליין באטרעפט דעם ריזן סכום פון **א מיליאן מיט זעקס הונדערט טויזנט דאלער,** וואס האט נאכנישט קיין דעקונג!
- אין צוגאב ליגט יעצט אויפ'ן טיש בילס פון **איבער $600,000 וואס דארף דרינגענד באצאלט ווערן פאר סופלייערס,** און עס ווארט אז ס'זאל אריינקומען געלט דאס צו דעקן!

## אלטע חובות

- **יונגל קעמפ**

ווי באקאנט איז אין די לעצטערע יארן אונטערגענומען געווארן מאסיווע רענאוואציעס און איינמאליגע פראיעקטן איבערצופרישן און שטעלן אויף די פיס דעם יונגל קעמפ "מחנה קרית יואל" אין ראונד

טאפ, אז ס'זאל זיין באקוועם און געאייגנט פאר לאנגע יארן אי"ה, וואס די הצלחה ברוחניות איז געווען געוואלדיג, אבער שוין נאכ'ן קרן הבנין/שכ"ל קאמפיין איז איבערגעבליבן פאר די הנהלה א דעפיציט פון קרוב צו א מיליאן דאלאר!

- ## אנגעזאמעלטע דעפיציטן

טראץ וואס די הנהלה לייגט א שטארקן געוויכט און שטרענגט זיך אן מיט אלע כוחות, אז די הוצאות און הכנסות זאלן שטימען ווי ווייט מעגליך און ס'זאל נישט געשאפן ווערן פרישע לעכער, וואס ליידער קען מען דאס נאכנישט אויספירן און ס'בלייבט א יערליכער דעפיציט, איז אין צוגאב פאראן אנגעזאמעלטע חובות אין אסטראנאמישע ציפערן, פונעם יערליכן דעפיציט וואס קומט כסדר צו און ווערט נישט באצאלט, וואס דאס אליין באטרעפט **קרוב צו 2 מיליאן דאלער**, חוץ דעם יערליכן דעפיציט וואס איז היי יאר געווען מער ווי א געווענליכע יאהר.

- ## בני עניים

אין צוגאב דארף מען דערמאנען דעם באקאנטן פאקט, אז עס געפינען זיך אין אונזערע מוסדות הק' היינט צו טאג **1,818 "בני עניים"**, און דער ציפער פון בני עניים וואקסט ליידער מיט יעדן חודש!

דער הויכער צאל 'בני עניים' באשטייט פון 3 ערליי קאטאגאריעס: שוואכע בעלי פרנסה; נישטא קיין ראש המשפחה ר"ל; און הונדערטער משפחות מרביצי תורה וכלי קודש (סיי פון די מוסדות און סיי פון די אנדערע מבצרי התורה איבער די שטאט), וואס קענען געווענליך נישט צאלן קיין שכר לימוד, און טייל בלויז א מינימאלע אפצאל!

סך הכל זענען **"30 פראצענט" קינדער פון די מוסדות, בני עניים וואס רובם צאלן גענצליך נישט קיין שכר לימוד!** וואס בלויז פאר די אלע קינדער אינאיינעם, פאלט ארויף א לאסט אויף די הנהלה צו שאפן די פאנטאסטישע סומע פון **קרוב צו זיבן א האלב מיליאן דאלער א יאר!**

דאס איז אין צוגאב צו דער ריזיגער ציפער פון 2,183 קינדער, וואס זייערע עלטערן צאלן אסאך ווייניגער ווי די ריכטיגע שכר לימוד פרייזן, וואס דאס אליין באטרעפט 36% פון די קינדער, און ברענגט א פרישן גרויסן עול פאר די הנהלת המוסדות. בלויז ארום 33% פון די קינדער צאלן צווישן א נארמאלן פרייז און דעם פולן פרייז.

# סך הכל

## געפינט זיך די מוסדות הק' אצינד אין גאר א שווערן פינאנציעלן מצב, אויף עטליכע פראנטן, און די הנהלה ארבעט שווער אויף פארשידענע אופנים מסדר צו זיין די חובות און דעם יערליכן בודזשעט.

**אבער דאס מערסטע וואס דרוקט יעצט גאר שטארק די הנהלה, איז דער פאקט, אז בלויז אויף צו קענען אויסצאלן די שכירות פאר די איינגעשטעלטע ביז פסח,**

**דארף דרינגענד געשאפן ווערן:**

# 2.9 מיליאן דאלער!

**וואס דאס קען נאר צושטאנד קומען מיט די הילף פונעם גאנצן ציבור**

# אינעם "ביומו תתן שכרו" קאמפיין

# פילע הונדערטער מלמדים ומחנכות קוקן ארויס אויף הצלחה פון "ביומו תתן שכרו קאמפיין" שע"י מוסדות קרית יואל

## שווערע מצב פון די מוסדות הק' צווינגט אונטערצונעמען גרויסן קאמפיין צו שאפן ביז פסח קרוב צו 3 מיליאן דאלער!

(פארזעצונג פון זייט 1)

ווארפט פשוט גרויס געלט אריין אין די קאסע, און די הנהלה אטעמט אפ מיט פארלייכטערונג אז די איינגעשטעלטע קענען אויך צוגיין צום יו"ט מיט הרחבת הדעת.

ווי די הנהלת המוסדות גיט איבער דארף געשאפן ווערן אין די טעג די פאנטאסטישע סומע פון קרוב צו 3 מיליאן דאללער, כדי אז אלע מלמדים, מגידי שיעור, ראשי ישיבה ומרביצי תורה, און די לערערינס אין די בית רחל שטאב זאלן ווערן אויסגעצאלט ביז פסח ועד בכלל, ווי די הנהלה פירט זיך אלע יארן אויף דעם שטייגער.

*

עס איז דאס ארט זיך אפצושטעלן א ווייל און אריינטראכטן אין די געוואלדיגע אחריות וואס דער ציבור האט כלפי די איינגעשטעלטע אין די מוסדות הק'.

עס איז היינט ב"ה א אומצווייפלהאפטיגער פאקט אז די מוסדות הק' האבן א נאמען לשם ולתפארת איבער די גאנצע וועלט. דער חינוך סטאנדארט שטייט ב"ה גאר הויך אין תורה, יראת שמים, מידות טובות, צניעות, איידעלקייט, וואס די מלמדים מומחים און די לערערינס שפארן נישט קיין צייט און קיין כוחות אריינצולייגן אין די קינדער די מאקסימום, ווי מען הערט כסדר צוריק פון די עלטערן וואס געבן דאס איבער מיט א שטארקע צופרידענהייט.

באזונדער הערט מען אלס דערציילן מיט צופרידענהייט ווי די הנהלת המוסדות סיי ביי די יונגלעך סיי ביי די מיידלעך לייגט אריין שטארקע כוחות פאר יעדעס קינד באזונדער, און טראכ'ן דעם ריבוי עם ליגט מען א שטארקע געוויכט אז קיין איין קינד זאל נישט ארויספאלן פונעם סיסטעם, און יעדעס קינד זאל קענען דאס לערנען אויפן העכסטן שטאפל וואס דאס קען דערהייבן. וואס דאס האט ב"ה מצליח געווען אויף א גאר שטארקן פארנעם.

עלטערן וואס באגלייטן זייערע קינדער, און זענען אין אפטן קאנטאקט מיט די מחנכים פון זייערע קינדער ווייסן פאר א פאקט אז די איינגעשטעלטע אין די מוסדות טוען זייער פליכט אין א בחינה פון לפנים משורת הדין, ווען זיי געבן אוועק פיל מער צייט וויפיל זיי זענען מחויב עפ"י שורת הדין לטובת די תלמידי וחניכי מוסדותינו הקדושים. ווי אויך פארברענגען זיי מערערע שעות

### באזונדערע "שכר לימוד גורל" רופט ארויס ספעציעלע אינטערעסע

ספעציעלע צופרידנהייט רופט ארויס ביי די חשוב'ע עלטערן די פראקלאמאציע פון דעם באזונדערן "שכר לימוד גורל", וואס איז א מתן שכרה בצדה פאר די אלע וועלכע צאלן צייטליך שכר לימוד, צו קענען גלייכצייטיג געווינען הערליכע ווערדפולע ארטיקלען.

דער "שכר לימוד גורל" פון $700 און העכער, איז א באזונדערע גורל וואס ווערט אנגעפירט דורכ'ן "שכר לימוד אפיס", וואס איז געמאכט געווארן כדי צו געבן א געלעגענהייט פאר די וועלכע צאלן זייער שכר לימוד צייטליך, מדי חודש בחדשו, וואס זיי זענען דאך די יושבים ראשונה במלכות און זיי זענען באמת ריכטיג מקיים די מצוה פון "ביומו תתן שכרו".

דעריבער, האט די הנהלה אויסגעארבעט, אז אלע עלטערן וועלכע צאלן צייטליך און זענען אויסגעצאלט ביז חודש ניסן ועד בכלל, וועלן אריינגיין אינעם "שכר לימוד גורל".

אין די זעלבע צייט ווערט געגעבן די געלעגנהייט פאר די וועלכע קענען נישט אלעס אויסצאלן און זענען געבליבן מיט א באלאנס, אז אויב זיי וועלן אצינד באצאלן $700 אויפ'ן חשבון פון שכר לימוד, וועלן זיי אויך קענען אריינגיין אינעם גורל.

'אווערטיים' לטובת זייערע תלמידים ותלמידות אין א בחינה פון שלא ע"מ לקבל פרס.

פארשטייט זיך אז דאס וואס קומט זיך זיי עפ"י שורת הדין איז זייער וויכטיג אז די הנהלת המוסדות זאל דאס באצאלן צייטליך, און נישט אז זיי זאלן געשטערט ווערן פון זייער עבודת הקודש, צוליבן טראגן די 'פרעשור' אז עס איז נישט דא דאס געלט צוגיין איינקויפן אפאר שיכלעך פאר די קינדער אויף יו"ט, אדער אן אנצוג פארן ישיבה בחור, און אנדערע גרויסע צרכי החג.

*

דערפאר קוקט איצט ארויס די הנהלת המוסדות בכליון עינים און בעטן זיך בכל לשון של בקשה צום ברייטן ציבור: צו נעמען דעם פאקט פאר די אויגן, און געדענקען אז וויבאלד פילע אידן פלאגן זיך ליידער אויף פרנסה און קענען נישט פונקטליך באצאלן די שכ"ל, איז איצט פאראן א גרויסער לאך, און ס'פארלאנגט זיך עמווירדזשענסי הילף פונעם גאנצן ציבור אינעם "ביומו תתן שכרו קאמפיין", און ווי מער מ'צאלט אלס מער העלפט מען זיך אליין און די אייגענע קינדער.

די הנהלת המוסדות זענען שותפים מיט די עלטערן, און נאר אויב עס איז דא א הונדערט פראצענטיגע קאאפעראציע פון די שותפים פון ביידע צדדים, קען מען ערווארטן א סוקסעס אינעם געביט פון באצאלן פאר איינגעשטעלטע.

אין די טעג אליינס האט מען זיך שוין צוזאמען געבארגט ריזיגע סכומים געלט אז מען זאל קענען צאלן די אנגעזאמעלטע חובות פאר די אייגעשטעלטע, און עס איז דריגענד קריטיש וויכטיג אז א ברייטע אריינפלוס מצד דעם ציבור זאל לינדערן דעם מצב.

עס דארף שטארק ארויסגעברענגט ווערן, אז אנדערש ווי די אלע געלט אקציעס וואס גייען אן אין די ערב פסח טעג פאר אלע צוועקן וואס זענען באמת זייער וויכטיג, האנדלט זיך דא אבער נישט אין שטיצן "א געוויסע מוסד", עס האנדלט זיך אינעם חינוך פון אונזערע אייגענע קינדער, אונזער מיה און הארעוואניע פון וועמען מיר ערווארטן אונזערע אידיש נחת, און אויף וועמען מיר לייגן אונזערע גאנצע האפענונג אויפן עתיד, און דאס דארפן מיר האלטן פאר די אויגן ווען מען רעדט פון פונעם "ביומו תתן שכרו".

ווי אויך מוז דאס גענומען ווערן אין באטראכט אז דער "ביומו תתן שכרו" איז נישט קיין פרישע שנאר אקציע. עס איז פשוט א רוף צום ציבור אז מען זאל אין די טעג אויסצאלן די חובות וואס מען וועט סייווי צאלן, סיי שכר לימוד, סיי דינער געלט, אדער

## ספעציעלע ווערטפולע גורלות צוגעשטעלט פאר די "ביומו" נדבנים

**ווי אין די פארגאנגענע יארן ווערט אויך היי-יאר פראקלאמירט גאר טייערע ווערדפולע גורלות פון הונדערטער געווינערס פאר די אלע וועלכע שליסן זיך אן מיט גרויסע סכומים אין דעם ספעציעלן "ביומו" קאמפיין.**

דער "ביומו" גורל איז איינגעטיילט אין צוויי חלקים, ווי פאלגנד:

### 1) פאר יעדע נתינה פון $250 און העכער:

דער גורל איז געווידמעט פאר די אלע נדבנים וועלכע זענען מחזיק די מוסדות הק' במשך איבער'ן יאר, אויף סיי וועלכן אופן, וו.צ.ב.ש. "דינער געלט", "בן גמלא", "מצדיקי הרבים" און "קרן ויואל משה", און יעצט לכבוד פסח געבן זיי לכה"פ $250 אויפ'ן חשבון פון זייער נדבה (נישט שכר לימוד).

פאר יעדע הוספה פון $50 העכער די $250, גייט מען נאכאמאל אריין אינעם גורל.

### 2) "אויסגעצאלטע בן גמלא גורל":

כדי ארויסצואווייזן די טיפע שעצונג און אנערקענונג פאר די חשוב'ע נדבנים און ספאנסערס וואס שטרענגען זיך אן צו זיין אפ-טו-דעיט מיט "בן גמלא" (צו דעקן די שכר לימוד קאסטן פון א בן עני), קומט פאר אויך היי-יאר א באזונדערע גורל פאר די "בן גמלא" נדבנים, וועלכע זענען אויסגעצאלט ביז'ן קומענדיגן חודש ניסן, ועד בכלל.

פאר יעדן חודש פאראויס וואס מ'האט אויסגעצאלט, גייט מען אריין נאכאמאל אין גורל.

אויב איינער האט נאכנישט אויסגעצאלט זיין 'בן גמלא' התחייבות, און ער צאלט יעצט צו, וויפיל עס פעלט זיך אויס צו זיין 'אפ-טו-דעיט' (אפילו די נדבה איז ווייניגער ווי $250), גייט מען אריין אינעם "אויסגעצאלטן בן גמלא גורל".

אזוי אויך, אויב מ'איז מוסיף ביז $250 אויף סיי וועלכע נדבה חשבון, גייט מען אריין אין ביידע גורלות.

סיי וועלכע התחייבות זאל מען זיך אנשטרענגען און באצאלן אין די צייט וואס מען איז אזוי קריטיש וויכטיג אנגעוויזן דערויף.

די הנהלת המוסדות לייגט גרויסע האפענונגען אויף דעם היי יעריגן קאמפיין, און זיי קוקן ארויס בכליון עיניים אויפן ווארעמען אפרוף פונעם ציבור, ווען אלע אנשי שלומינו, ובפרט די עלטערן פון די חניכי המוסדות, וועלן דערהערן דעם רוף פון די הנהלת המוסדות און כאיש אחד בלב אחד וועלן זיי ארויסקומען זיך באשטייערן צום "ביומו תתן שכרו" קאמפיין, און מיט דעם צוהעלפן לינדערן דעם שווערן כמעט אומדערטרעגליכן עול וואס ליגט און הויערט אראפ אויף די פלייצעס פון די הנהלת המוסדות וואס ארבעטן אימערמידליכן צו קענען דעקן דעם שווערן עול.

רבותי! שאו ידיכם קודש! ואם לא עכשיו אימתי!

**אין א שמועס מיט'ן שכר לימוד אדמיניסטראטאר הרה"ח ר' חיים קארנבלי הי"ו, לייגט ער אונז אראפ א מצב, אז היי יאר איז גאר שטארק אנדערש ווי אלע אנדערע יארן אין די פארגאנגענהייט.**

**ווי ר' חיים מאכט דעם חשבון, איז דא כהיום אין די מוסדות הקדושים א חשבון פון 6,177 קינדער בליעה"ר אין די תלמוד תורה, בית רחל און אין די ישיבות קטנות, מיט א נעץ פון איבער 500 איינגעשטעלטע כ"י.**

**ר' חיים זאגט מיט א קרעכץ "דער שווערער מצב אין די גאס האט ליידער א השפעה אויף די ווירשאפט אין די מוסדות, מיר האבן אין שכר לימוד אפיס א ווייטאגליכע ליסטע פון איבער 100! היימישע אינגעלייט וואס האבן ליידער פארלוירן זייערע פרנסה צוליב די שווערע עקאנאמישע קריזיס".**

**"צווישן די געטראפענע זענען פאראן אידן וואס האבן ביז לעצטנס געארבעט ביי עטליכע גרויסע אינדוסטריעס, ווי דיימאנט, מארטגעדזש, און קאנסטראקשאן וואס אסאך פון זיי האבן ליידער לעצטנס פארלוירן די פרנסה צוליב די עקאנאמישע קראך, און טראצדעם וואס ביז היינט האבן זיי געצאלט פונקטליך און נישט געזוכט אראפצוהאנדלן, זענען אבער ליידער פאראן געוויסע פון זיי וואס קענען גענצליך נישט אדער בלויז א מינימום באצאלן שכ"ל.**

**ר' חיים ווייזט אן מיט ווייטאג: "דער פאקט איז אז דאס האט א געוואלדיגע אפרוף אויף די הכנסה פון שכר לימוד, וואס איז למעשה די שליסל פונעם עקזיסטענץ פון די מוסדות, עד כדי כך אז די דעפיציט פון שכר לימוד איז געוואקסן מיט אפאר הונדערט טויזענט דאלער בלויז אין די פארגאנגענע פאר חדשים, ווייל די דאזיגע טייערע אידן פלאגן זיך זייער צו באצאלן, און ס'פעלט גאר אסאך געלטער וואס פלעגט אמאל יא אריינקומען".**

**"אין צוגאב איז פאראן צענדליגער משפחות וואס צוליב אנדערע ערליי סיבות, צב"ש געזונטהייט, נישטא קיין ראש המשפחה ל"ע, וכדומה, קענען זיי אויך נישט באצאלן פונקטליך זייער שכ"ל, און דאס אלעס איז זיך מצטרף לחשבון גדול".**

**צוליב דעם קלארן פאקט פאדערט זיך מער התבוננות און התעוררות, אז טאקע יעצט פאר פסח, ווען ס'קומען פאר אזויפיל אקציעס פאר אלערליי צוועקן און יעדער איז פארנומען צו בארגן אדער דרייען מיט געלט צו קענען צורישן דעם פסח, זאל מען האלטן פאר די אויגן, אז דאס וויכטיגסטע איז די אייגענע מוסדות פון די קינדער, דאס קומט מצד הדין פאר יעדע צוועק, ואם אין אני לי מי לי?!**

# וועמען דארף איך די "ערשטע" און די "מערסטע" שטיצן?!

## פרקי התבוננות איבער דער "חיוב" אויף עלטערן צו שטיצן די מוסדות התורה פון די אייגענע קינדער

אז מ'גיט זיך היינט אביסל א קוק ארום אין אונזער קליינעם וועלטל, קען מען נישט קומען צו קיין אנדערן אויסדרוק, נאר "מי כעמך ישראל". ס'איז באמת וואונדערליך דער חסד לופט וואס נעמט ארום אונזער דור, אויף א פארנעם וואס מ'האט קיינמאל פריער געזען, ווי די צדיקים האבן טאקע מרמז געווען "בך חותמין", אז דאס גייט ארויף אונזער דור בעקיבתא דמשיחא.

אזויפיל גוטע צוועקן זענען דא צווישן אונז, יעדע וואך ווערן אפגעראכטן צענדליגער מסיבות, פריוואטע און עפענטליכע, אידן קומען כסדר ארויס און מען שטיצט נאנטע און ווייטע מוסדות התורה והחינוך, און אן א שיעור חסד ארגאניזאציעס, איינס וויכטיגער פונעם צווייטן. מ'שטיצט היימישע און פרעמדע אידן, צעבראכענע נפשות און פארקלעמטע הערצער, אפילו אין רוב פעלער ווייסט מען נישט די פונקטליכע אדרעס וואו די געלט קומט אן. דאס מיינט אידיש הארץ און געפיל!

אבער טייערע עלטערן, לאמיר זיך אביסל אפן אויסשמועסן כאשר ידבר איש אל רעהו, און אריינקלערן מיט ריכטיגע התבוננות און שכל, וואס איז "אונזער חיוב", "צי טוען מיר ריכטיג ערפילן אונזער תפקיד און אחריות"?. אודאי, אלעס איז חשוב און הייליג, און אז מ'האט די מעגליכקייט יעדן צו שטיצן איז מה טוב ומה נעים, אבער וואו דארף איך לייגן דער הויפט דגוש, וואס איז דער עיקר, וואו בין איך די ערשטע פארפליכטעט צו געבן מיין צדקה, נישט בלויז אלס געפיל, חשיבות אדער זכי', נאר מצד הדין ועפ"י הלכה?!

זעלבסטפארשטענדליך, אז די ערשטע און וויכטיגסטע צוועק איז, די מוסדות התורה פון די אייגענע קינדער, די מבצרי החינוך וואו די אייגענע דורות ווערן נתחנך על טהרת הקודש, לתורה ויראה און צו אידישקייט מיט די ריינע השקפות און יסודות, ווי מיר האבן מקבל געווען מדור דור.

> **רבינו הקדוש זי"ע פלעגט זאגן: "אמת, איך האב אויסגעלערנט מיין עולם צו געבן צדקה, אבער זיי פארשטייען נישט מבחין צו זיין וויפיל מ'דארף געבן. פאר מיינע מוסדות בין איך באגרעניצט, איך קען נישט גיין נאר צום היימישן עולם, דערפאר דארף מען געבן א גרעסערע נתינה, ווי פאר די דרויסענדע מוסדות וואס קענען גיין און גייען טאקע איבעראל".**

זה חלקינו מכל עמלינו! דאס איז אונזער לעבן, דאס איז אונזער חיות! אונזער גאנצע הארעוואניע, מיה און פלאג אלעס איז פאר די "קינדער", אן דעם איז נישטא קיין כלל ישראל!

וויפיל טייכן טרערן פארגיסט יעדע טאטע און מאמע, וויפיל תפילות איז מען מתפלל, וויפיל צדקות איז מען מנדב, וויפיל סגולות פרובירט מען אויס, אלעס אלעס פאר "ערליכע קינדער", פאר "לעכטיגע ערליכע דורות"! דאס איז דער וואונטש און ציל פון יעדן ערליכן איד, מען קוקט אזויפיל ארויס אויף אידיש נחת, אז די קינדערלעך זאלן נתחנך ווערן לתורה וליראה, ווארום דאס איז דער יסוד פונעם לעבן, און דער עתיד פון די שפעטערדיגע דורות!

**טראץ וואס די געפילן שפילן מעגליך נישט אזוי גוט אויף אין הארצן, דער אחריות און דראמאטישקייט פונעם צוועק, פארוואס מ'זאל שפירן א שטערקערן אחריות צו שטיצן און ראטעווען די אייגענע מוסדות, פונקט ווי אנדערע**

**הארצרייסנדע צוועקן וואס שוידערט אויף אלע ביינער, דאך איז אבער פארשטענדליך, סיי מצד מענטשליכקייט, יושר'דיג און אודאי על פי תורה, אז די ערשטע פון אלע צדקות, קומט מחזק צו זיין די מוסדות התורה, וואו עס ווערן נתחנך די אייגענע דורות.**

אזוי איז טאקע קלאר מבאר דער גאון האדיר פוסק הדור מרן בעל מנחת יצחק זי"ע, דער מרא דארעא ישראל (בספרו שו"ת מנחת יצחק חלק י') "... וכן ס"ל להרב ז"ל (סעיף ג') דמי שיש לו בנים בת"ת וידו משגת, יש לו לשלם 'כל ההוצאות' שמוציאין בעבורו, (ועוז זאת שיש לו להשתתף בכיסוי ההוצאות לילדי העניים, דזה מוטל על כל בני העיר כ"א כפי ערכו). ומי שאין ידו משגת ומשלם רק סכום מועט, מ"מ אם יש לו מעות צדקה, בראש וראשון צריך לשלם ולהחזיק בהת"ת שבו לומדים בניו וכו', שזה קודם לכל מצד הדין..."

דער חיוב און דין על פי התורה איז באמת נישט אפהענגיק אינעם געלט מצב פון די מוסדות, אפצולערנען דערפון, אז אויב איז ב"ה יא דא א שפע פון געלט, קומען אנדערע צוועקן פריער. מעגליך אז דער געפיל און דעת בעל הבית זאגט אזוי, אבער נישט די תורה. דאס איז אבער זיכער אן קיין צווייפל, אז ווען די מוסדות ראנגלען זיך אויפ'ן עקזיסטענץ, מ'מוטשעט זיך מיט גאר ריזיגע חובות און דעפיציטן, מ'דרייט און מ'דרייט, מ'שלאפט נישט קיין נעכט, מ'לויפט ארום א גאנצן טאג בארגן פון דעם און יענעם, מ'זוכט אלע וועגן וויאזוי צו דעקן די בילס, און דער מצב איז אים ונורא. אין אזא פאל איז ברור כשמש, אז "די אייגענע מוסדות" קומט פאר אנדערע צוועקן, ובכגון דא איז געזאגט געווארן "עניי עירך קודמין!"

און מיר דארפן געדענקען, אז מ'רעדט נישט דא פון א סתם א חשוב מוסד, וואס האט נישט מיט אונז קיין ספעציעלע שייכות, נאר עס האנדלט זיך פון די יסוד היסודות פון אונזער עקזיסטענץ; אונזערע היילגע מוסדות "ישיבה תורה ויראה דרבינו יואל ד'סאטמאר" בפלטרין של מלך אינעם היילגן שטאט קרית יואל, דער משאת נפשו הטהורה פונעם היילגן רבי'ן זי"ע, ואחריו ביי מרן רבינו בעל ברך משה זי"ע, און דער גולת הכותרת אין די כתר המלוכה פונעם רבי'ן שליט"א, דערפאר דארפן מיר אלע עלטערן און אנשי שלומינו, שפירן א ספעציעלן אחריות און געפיל, נישט צו לאזן פאלן די אייגענע מוסדות, די מוסדות וואס גאראנטירט בעזה"ה אונזערע ערליכע אידישע דורות ביז משיח'ס טאג.

אויב נישט "מיר", ווער דען זאל נושא בעול זיין און העלפן אונזערע מוסדות?!

רבינו הקדוש זי"ע פלעגט זאגן: "אמת, איך האב אויסגעלערנט מיין עולם צו געבן צדקה, אבער זיי פארשטייען נישט מבחין צו זיין וויפיל מ'דארף געבן. פאר מיינע מוסדות בין איך באגרעניצט, איך קען נישט גיין נאר צום היימישן עולם, דערפאר דארף מען געבן א גרעסערע נתינה, ווי פאר די דרויסענדע מוסדות וואס קענען גיין און גייען טאקע איבעראל".

נאך מער. אלס תלמידים וחסידים פונעם רבי'ן זי"ע, וועלכער האט אין אונז משריש געווען דער גרויסער כוח פון צדקה, צו האבן אפענע הענט און טיילן צדקה פאר יעדן נצרך, דארפן מיר הערשט שפירן אן אחריות, מחזק צו זיין ביתר שאת דעם רבי'נס מוסדות, זיין לעבנס-וואונטש אויף וואס ער האט אלע יאר אזויפיל משתוקק געווען און ארויסגעקוקט, און נישט פארקערט, אויסצוניצן דעם רבי'נס כוח און מידת החסד פאר אנדערע צוועקן מער ווי פאר זיין מוסדות.

עס ווערט דערציילט, אז א איד איז אמאל אריינגעקומען צום רבי'ן נאכדעם וואס מען האט פון אים פארלאנגט א גרויסער סכום פאר די מוסדות, און ער האט נישט מסכים געווען דערצו.

**ער האט פרובירט מסביר צו זיין פאר'ן רבי'ן, אז צוליב ביזנעס צוועקן, אזוי ווי ער האנדלט מיט אלערליי מענטשן, דארף ער געבן אייניג פאר אלע מוסדות, און ס'פאסט נישט אז ער זאל געבן פאר די סאטמארער מוסדות מער ווי אנדערע, האט דער רבי רעאגירט מיט פארוואונדערונג "ווי מעגסטו מיין געלט אוועקגעבן פאר א צווייטן?...**

**ער האט פרובירט מסביר צו זיין פאר'ן רבי'ן, אז צוליב ביזנעס צוועקן, אזוי ווי ער האנדלט מיט אלערליי מענטשן, דארף ער געבן אייניג פאר אלע מוסדות, און ס'פאסט נישט אז ער זאל געבן פאר די סאטמארער מוסדות מער ווי אנדערע, האט דער רבי רעאגירט מיט פארוואונדערונג "ווי מעגסטו מיין געלט אוועקגעבן פאר א צווייטן?...**

דאס איז געווען דעם רבי'נס מיינונג, אז אזוי ווי ער האט משריש געווען דער כוח פון צדקה און משפיע געווען השפעות פאר אונזער עולם, דערפאר "אונזערס" א זאך קומט פאר אנדערע, און דאס דארף מען שטיצן מער וויפיל מען גיט פאר אנדערע!

אין זכות וואס מיר וועלן טאן אונזער מאקסימום פאר'ן חינוך פון אונזערע קינדער, וועט אונז דער אייבערשטער זיכער באצאלן מיט לעכטיג אידיש נחת געזונטערהייט.



בס"ד
ביומו תתן שכרו
קאמפיין
מיר קענען בשום אופן נישט אליין!
לאמיר אינאיינעם ארויסשלעפן דעם
וואגן פונעם פלאנטער!
דער עקאנאמישער מצב האט אונז אריינגעפירט אין א שווערן פלאנטער, מיט א ריזן דעפיציט!
נעמט א חלק אין דעם "ביומו תתן שכרו קאמפיין"
די וואגן קען נישט פָארן ווייטער, אָן אייער הילף!
העלפט ארויס מיט לכה"פ
$250
דינער - קרן ויואל משה - בן גמלא
Dart Design | 845.782.6558



# ערשטער זמן מיט'ן נייעם מנהל שליט"א אין כתה א' ברענגט ב"ה גאר שטארקע צופרידענהייט ביי די הונדערטער עלטערן

דעם חודש ניסן ווערט אפגעצייכנט א האלב יאר זינט די הנהלה האט אויפגענומען דעם נייעם מנהל אין כיתה א', דאס איז דער באקאנטער מחנך נפלא און אומן במלאכתו, הר"ר דוד חנני' ווייס שליט"א.

דער נאמען "ר' דוד חנני'" איז שוין יארן באקאנט אלס אויסגעצייכנטער מחנך מיט א צוגעלאזענע שפראך צו קינדער און א געוואלדיגע פארשטאנד צו די צאן קדשים, און דערפאר איז דער אויסוואל באגריסט געווארן פון אלע זייטן.

אזוי ווי ר' דוד חנני' שליט"א איז לאנגע יארן געווען א מלמד אין כיתה א', פארשטייט ער גאר גוט צו די יונגע קינדערלעך און האט א קלארן צוגאנג צו זייערע מוחות, און אט דעם עקספיריענס ברענגט ער מיט זיך אלס מנהל.

אין דעם איינעם ווינטער זמן וואס ר' דוד חנני' ווייס שליט"א האט איבערגענומען די לייצעס, האט זיך דאס גאר שטארק אנגעזען אין אלע הינזיכטן.

אין די פארגאנגענע "מוסדותינו" אויסגאבעס, האבן מיר שוין געשילדערט עטליכע באשרייבונגען און אינטערוויוס איבער די הצלחה פון פארשידענע אפטיילונגען אין די תלמוד תורה און די מנהלים רוחניים שליט"א, דעריבער אצינד שטייענדיג ביים ענדע פונעם זמן, ווען ס'ווערט סוקסעספול אפגעצייכנט די ערשטע זעקס חדשים בליעה"ר אונטער'ן נייעם מנהל שליט"א, איז כדי צו געבן א קורצן איבערבליק אויף דעם התחדשות וואס איז אריינגעברענגט געווארן אין כיתה א', וואס דערקענט זיך ב"ה אויף טריט און שריט.

## אן אפשאצונג אויף יעדעם קינד

יעדע שטיק צייט ווערט יעדעס קינד באזונדער אפגעשאצט (עוועליועיטעד) דורך'ן מנהל זעלבסט.

דער מנהל פערזענליך גייט ארום פון חדר צו חדר און פון קינד צו קינד, און שאצט אפ יעדעס קינד אויף עטליכע זאכן. וויאזוי ער לייענט אותיות, צי ער מאכט טעותים ביים לייענען, ווי שנעל ער לייענט, צי ער לייענט גענוג קלאר, וויאזוי איז די ספיטש, די אויגן, אא"וו.

זייענדיג א מומחה אויף דעם געביט, פארשטייט ער וואס צו קוקן און וואס דער פראבלעם קען זיין. און א דאנק די כסדר'דיגע אפשאצונגען פון יעדעס קינד, קען דער מנהל האלטן חשבון אויף יעדעס איינציג קינד צי ער איז געשטיגן אדער ח"ו געפאלן.

אויב שטעלט זיך ארויס אז א קינד דארף הילף, ווערט ווי פארשטענדליך גלייך אונטערגענומען די נויטיגע שריט אים צו העלפן, און ווי באקאנט קען א ריכטיגע הילף אין אזעלכע יונגע יארן האבן א פאזיטיווע ווירקונג אויפ'ן גאנצן לעבן בעזה"ה.

סוף יאר ווערט געשריבן א רעפארט אויף יעדעס קינד, וואס ער האט דערגרייכט במשך דעם יאר, און אויף וואס מ'דארף נאך פארלייגן כוחות אינעם קומענדיגן יאר.

## אויפפירונג צעטלעך

יעדע שטיק צייט ארבעט מען אויף א צווייטע מדה.

צב"ש פארגאנגענעם חודש אדר האט מען געארבעט אויף "פאלגן מיט א שמייכל", געגאנגען שלאפן מיט א שמייכל, געגעסן מיט א






שמייכל. יעדעס קינד טראגט אהיים א צעטל, וואו די עלטערן דארפן פארצייכענען צי דאס קינד האט טאקע איינגעהאלטן דעם מדה טובה וואס מ'האט געלערנט מיט די קינדער. ווען די קינדער ברענגען צוריק דעם גאנצן צעטל אויסגעפילט מיט טשעקס, באקומען זיי א מתנה דערפאר.

דאס האט זיך ארויסגעשטעלט צו זיין שטארק אפעקטיוו, אזוי ווייט אז מ'מאכט דאס שוין נאך אויך אין די עלטערע כיתות.

## סדרה צעטלעך

היי-יאר האט מען אויסגעשטעלט די וועכנטליכע צעטלעך אז עס זאל זיין א תועלת סיי אויף די סדרה און סיי אויף עברי. ד.ה. אז די ווערטער ווערן ארויפגעלייגט אז די קינדער זאלן עס קענען ליינען. נעבן יעדע בילד איז דא דער נאמען דערפון, לויט די כללים וואס די קינדער קענען.

אויפ'ן דעקל פונעם סדרה צעטל ווערט ארויפגעשטעלט א קעסטל רעטעניש צו טרעפן גאנצע ווערטער. מ'דארף זעהן וויפיל מ'קען טרעפן, ווי מער אלס בעסער. מ'קען טרעפן די ווערטער גלייך און פארקערט, שיף, ארויף און אראפ וכו', וואס דאס העלפט שטארק צו אז די עברי זאל זיי אריינגיין אין קאפ. די קינדער מאכן פארמעסטן ווער ס'קען טרעפן מער ווערטער, וואס דאס גיבט זיי א חשק צו לערנען און פארשטיין.

די סדרה ווערט גוט איינגעטיילט לויט די ענינים, אז ס'זאל זיין גרינגער פאר די עלטערן דאס צו פארהערן.


מדרך

# פרשת תצוה

## תצוה: דו זאלסט באפעלן

1. **ווער זאל באפעלן?** משה רבינו.
2. **פאר וועם זאל משה רבינו באפעלן?** פאר די אידישע קינדער.
3. **וואס זאלן זיי מאכן פאר די מנורה?** אויל.
4. **ווי לאנג האט געברענט די מנורה?** ביז צופרי.

## בגדי כהונה

5. **וואס האט דער הייליגער באשעפער געהייסן מאכן פאר די כהנים?** שיינע קליידער.
6. **ווי אזוי האט אויסגעזעהן די אפוד?** ווי א שירצל (פארטוך).
7. **וואס איז געווען אויפגעשריבן אויף די 12 שטיינער פונעם חשן?** די הייליגע שבטים.
8. **וואס איז געהאנגען אויף די בלויע העמד?** גלעקלעך און מילגרוימן.
9. **וואס איז געווען אויפגעשריבן אויף די ציץ?** קודש לד'.

## שבת זכור

10. **ווי אזוי הייסט די שבת?** שבת זכור.
11. **וועמענס נאמען דארף מען געדענקן אויסצומעקן?** עמלקים.
12. **ווי אזוי קען א אינגל אויסמעקן די נאמען פון עמלק?** ער פאלגט נישט דעם יצר הרע.
13. **ווען גייט ווערן אינגאנצן אויסגעמעקט עמלק'ס נאמען?** ווען משיח וועט קומען.

**במהרה בימינו אמן!**

## מכל מלמדי השכלתי

דער מנהל שליט"א ארבעט אינאיינעם מיט די מלמדים פון כיתה א', צו הערן פון יעדן מלמד גוטע מעטאדן אדער עצות, וואס ווערט נאכדעם אויסגעארבעט פאר די גאנצע כיתה צו יעדנ'ס צופרידנהייט. דער מנהל נוצט אויס די כשרונות פון אלע מלמדים אויף איינצושטעלן אן אויסגעצייכנטן סיסטעם וואס זאל איבערשטייגן אלע ערווארטונגען.

אויף טריט און שריט ארבעט דער מנהל אינאיינעם מיט די מלמדים צו זעהן וואס מ'קען אלץ אויפטון און פארבעסערן לתועלת התלמידים והלימודים, וואס זעהט זיך אן ב"ה אויף די קינדערלעך בליעה"ר.

## עברי

אין די יעצטיגע וואכן לערנען די קינדער פונעם ספר "אוצר התיבות". דער מנהל האט איינגעפירט אז מ'זאל האבן אן "אוצר התיבות" סיי אין חדר און סיי אינדערהיים, דהיינט ער האט זיכער געמאכט אז אלע עלטערן זאלן עס קויפן.

באזונדער האט ער איינגעפירט א סדר המתמידים, וואס מיט דעם איז געשטעלט געווארן א רעקארד פון "די יונגסטע מתמידים אין די וועלט"!

דער מתמידים ארבעט ווי פאלגענד:

יעדעס קינד באקומט א צעטל, וואו ער דארף אריינפארבן אז


מדרך

ישיבה תורה ויראה דרבינו יואל ד'סאטמאר – קרית יואל

כתה א'

# פרשת תצוה

| | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| צי | ין | צי | מ | עי | ל | עי | מ |
| ין | צי | א | פו | ד | מ | עי | ל |
| ד | מ | ת | צ | ו | ה | ג | עי |
| פו | ב | עי | ת | צ | ו | ח | מ |
| א | פו | ד | ל | צ | ז | צי | ין |
| פו | ט | מ | עי | ל | ת | ין | ין |
| ד | פו | א | מ | ח | א | פו | ד |

תצוה אפוד מעיל ציץ

# שבת זכור

ער האט גע'חזר'ט א דף אינדערהיים, און ווען ער ברענגט עס צוריק באקומט ער א מתנה. דאס קינד חזר'ט יעדן טאג לכה"פ אן עמוד, אנדערע לערנען מער, און מ'פרובירט זיך איבערצושטייגן איינער דעם צווייטן. די מתמידים איז דער געשפרעך פון טאג ביי די קינדער און ביי די עלטערן.







דער תועלת דערפון איז א דאפלטע. פאר די יונגלעך מיט גוטע כשרונות איז עס א זאך וואס האלט זיי פארנומען, אז זיי זאלן נישט ווערן לאנגווייליג אינדערהיים, און פאר די אנדערע יונגלעך איז עס פשוט א חזרה, וואס סתם אזוי איז שווער צו הייסן פאר קליינע יונגלעך אז מ'זאל חזר'ן אינדערהיים, אבער דא איז עס געמאכט געווארן אויף אזא אופן אז דאס קינד זאל אליינס האבן א רצון און חשק צו חזר'ן פונעם אייגענעם ווילן.

דער אוצר התיבות איז געצילט אדורכצוגיין אלע יסודות פון עברי, דאס קינד זאל קלאר זיין און פארשטיין יעדע יסוד פארוואס ס'איז אזוי. דער ציל איז אויך אז עלטערן זאלן מיטהאלטן, אז ווען ס'מאכט זיך א פראבלעם זאלן זיי כאפן וואו דער פראבלעם איז און קענען ארויסהעלפן דאס קינד. דאס האט זייער שטארק געהאלפן היי-יאר בעז"ה.




## לייגען ביכל

בעפאר דער אסיפת הורים איז פארגעקומען מיט עטליכע וואכן צוריק, האט דער מנהל געלאזט מעלדן פאר די קינדער, אז די עלטערן וואס וועלן קומען צום אסיפה וועלן באקומען א ספּעציעלן "לייגען ביכל" פאר די קינדער.

זעלבסטפארשטענדליך אז רוב טאטעס זענען טאקע געקומען צום אסיפה, און זיי זענען טאקע אהיימגעקומען מיט דעם לייגען ביכל וואס איז דורכ'ן מנהל שליט"א ספּעציעל אויסגעארבעט געווארן פאר קינדער פון דעם יארגאנג, וואס קענען נאך קוים לייענען,

אבער מיט'ן הילף פון דעם ביכל קענען זיי ליינען ווערטער, ווייל דאס ווערט באגלייט מיט בילדער פון יעדן ווארט.

צב"ש נעבן די ווארט מנורה איז דא א בילד פון א מנורה, ביי א לייכטער א בילד פון א לייכטער, וכדומה, אזוי אז דאס קינד זאגט אויטאמאטיש דאס ריכטיגע ווארט, אפילו עס קען נאכנישט געהעריג ליינען קיין אידיש לויט די כללים.




## חמשה עשר בשבט פראגראם

פארגאנגענעם חמשה עשר האט מען געמאכט א גרויסארטיגע סעודה, בלויז פאר די קינדער וואס האבן צוריקגעברענגט דעם געצייכנטן "מדות אויפפירונג צעטל". פארשטייט זיך אז אלע קינדער האבן דאס צוריקגעברענגט... און דערפאר האט יעדער געקענט קומען צום סעודה.

ביי די סעודה האט מען ארומגערעדט פונעם מדה וואס איז אויסגעארבעט געווארן יענעם חודש. דערנאך האט דער מנהל שליט"א פארציילט שיינע מעשיות און געזונגען מיט די קינדער, אריינברענגענדיג אין זיי א ליבשאפט צו די יומא דפגרא'ס.

## סדר היום

אנפאנג יאר האט דער מנהל געטוישט דעם סדר פונעם טאג, לויט ווי ער האט איינגעזען אז ס'איז גוט פאר די קינדער אין דעם יארגאנג. עס איז איינגעשטעלט געווארן דער סדר אז די ערשטע זאך צופרי דאווענט מען ברכות התורה, און ערשט נאכדעם עסט מען פרישטאג.

אזוי אויך דער גאנצער סדר היום איז אויסגעארבעט געווארן אז ס'זאל זיין צוגעפאסט פאר די קינדער, לויט ווי ער האט געזען זייענדיג לאנגע יארן א מלמד פאר די קינדער פון כיתה א'.

## דער פרישטאג פראגראם

יעדן טאג ביי פרישטאג נעמט מען אראפ 15 מינוט, ווען דער מנהל ר' דוד חנני' שליט"א פארציילט מעשיות, רעדט צו די קינדער איבער מדות טובות, זינגט ניגונים מיט זיי, און דערנאך בענטשט ער אינאיינעם מיט זיי.

ר' דוד חנני' איז דאך באקאנט מיט זיינע טאלאנטן צו פארציילן מעשיות פאר די קינדער און זיי האלטן געשפאנט, און די קינדער האבן זייער הנאה דערפון.

## שובבי"ם דרשה

די טאלאנטן פונעם מנהל האבן באזונדער ארויסגעשיינט אין די פארגאנגענע ימי השובבי"ם, ווען ער האט צוזאמגענומען די קינדער און אראפגעלייגט פאר זיי א מייסטערהאפטע דרשה וויאזוי אידישע קינדערלעך דארפן זיך אויפפירן הייליג און אפגעהיטן.

די דרשה איז באוואונדערט געווארן דורך אלע מלמדים, ווייל עס איז געזאגט געווארן אויף גאר א האקעלן און פארשטענדליכן אופן, אז פאר די קינדער זאל אריינגיין אינעם יונגען מוח גענוי און בלויז וואס עס דארף אריינגיין, און נישט קיין איבעריגע ענינים.

דער מנהל האט דא ווידעראמאל אויסגענוצט זיין לאנג-יעריגע עקספיריענס צו רעדן אויף אן אופן אז די קינדער זאלן פארשטיין וואס מ'וויל פון זיי, און ס'זאל פון די יונגסטע יארן זיי אריינגיין אין קאפ די הארבקייט פון די ענינים, אזוי ווי רביה"ק זי"ע האט פארלאנגט אז מ'זאל רעדן צו די קינדער פון די פריעסטער יוגנט.

## פורים שפיל

פארגאנגענעם זונטאג פ' כי תשא, געציילטע טעג פאר פורים, האט ר' דוד חנני' שליט"א צוגעשטעלט א פורים שפיל, וואו די חשוב'ע מלמדים שליט"א האבן געשפילט די ראלעס פון אחשורוש, המן, מרדכי, בגתן ותרש אא"וו. אויך די כיתות ב' און ג' האבן הנאה געהאט פון דעם תוכנ'דיגן שפיל. (לייענט באזונדערע נייעס דערוועגן)

## ר"ח אדר פראגראם

פאראנגעגענעם ר"ח אדר איז פארגעקומען א פראגראם וואס האט שטארק אפגעקלונגען אין די קארידארן פונעם תלמוד תורה.

אזוי ווי אין בנין מארקאוויטש איז דא שיינע גרויסע האלס, האט דער מנהל ר' דוד חנני' שליט"א דאס גוט אויסגענוצט. עס זענען ארויסגעלייגט געווארן גרויסע ספיקערס אינעם האל, און ביי לאנטש האט מען צוזאמגענומען אלע קינדער אין האל און געזונגען מיט זיי ניגונים לכבוד חודש אדר.

דערנאך האט מען זיך ארויסגעלאזט אין א רקידה'לע לכבוד משנכנס אדר, און די קינדערלעך האבן זייער הנאה געהאט און מיטגעלעבט דערמיט.






## הודאה על העבר ובקשה על העתיד

נאכ'ן כאפן אן איבערזיכט אויף די פארשידענע שינויים לטובה וואס זענען איינגעפירט געווארן במשך דעם פאראנגאנגענעם זמן, איז קלאר אז עס איז דא אנטשטאנען א רעוואלוציע אין כיתה א', פון וואס סיי די קינדערלעך און סיי די עלטערן זענען צופרידן און האבן שטארק הנאה בעז"ה.

בלייבט אונז איבער צו וואונטשן פאר'ן חשוב'ן מנהל שליט"א, ער זאל מצליח זיין בעבודתו הקודש, ויזכה לילך מחיל אל חיל!

# מדי חודש בחדשו

## - קורצע נייעס'ן און באריכטן אינערהאלב מוסדותינו הק', במשך די פאראנגאנגענע 2 חדשים -

## גרויס הצלחה ביי אסיפת הורים פאר כיתות א'-ב-ג-ד-ה'

דעם פאראנגעגענעם דאנערשטאג נאכט פ' משפטים העעל"ט האט זיך אנגעזען א מאסן שטראם אין ריכטונג פונעם קאמפלעקס פון די תלמוד תורה בנינים אויף געציל בערגער בלווד, ווען די חשובע טאטעס פון די 1,200 קינדערלעך בליעה"ר וואס לערנען אין די בנינים זענען אריבערגעקומען צום "אסיפת הורים", וואס איז פאררופן געווארן דורך די געטרייע מנהלי הת"ת פון די כיתות א' ב' ג' ד' ה', הרה"ח ר' משה הערש קליין שליט"א, הרה"ח ר' יחיאל יצחק שפיטצער שליט"א, און הרה"ח ר' דוד חנני' וויס שליט"א.

כדי די מלמדים זאלן קענען אנהאלטן א שותפות מיט די עלטערן די הורי התלמידים, און די עלטערן זאלן זיך באקענען מיט זייערע קינדער'ס מחנכים, האט די הנהלה רוחניות מחליט געווען צו באשטימען די נאכט וואס זאל אויסגענוצט ווערן לתועלת החינוך, צו מאכן דעם קשר צווישן די מלמדים און די עלטערן.

ביי די אסיפה האבן די מלמדים אויפגענומען די עלטערן יעדער איינער ביי זיך אין די כיתה, און מיט א רואיגקייט איבערגעשמועסט מיט די עלטערן דעם מצב פון די קינדער, און זעהן אז עס זאל זיין ווייטער א בשותפות'דיגע צוזאמענארבעט.

## הערליכע אסיפות חינוך צווישן מרביצי תורה

די מלמדים ומרביצי תורה ביי די כיתות ד' ה' ו' ז' זענען שטארק דאנקבאר פאר די חשוב'ע מנהלים רוחניים הרב ר' נפתלי הירצקא פריעדמאן שליט"א און הרב ר' יחיאל יצחק שפיטצער שליט"א, נאך דעם נייעם איינריכטונג וואס איז איינגעפירט געווארן צו ארגאניזירן וועכנטליכע אסיפות חינוך.

די מנהלים שליט"א האבן איינגעזען פאר א תועלת מקיים צו זיין דעם "ותשועה ברוב יועץ", און קובע געווען א באשטימטע צייט מידי שבוע בשבוע ווען די מלמדים קומען זיך צונויף בשבת אחים גם יחד דן צו זיין בעניני חינוך, און זיך אויסשמועסן איינער מיט'ן צווייטן איבער עניני חינוך העומדים על הפרק.

ווי דער סיסטעם, אונטער'ן נאמען "מכל מלמדים השכלתי" גייט, שטעלט דער מנהל ארויס אן אקטועלע נושא וואס איז שטארק נוגע פאר די מלמדים, וואס מ'איז מודיע שוין מיטוואך, אז דאס איז די נושא וואס וועט אויסגעשמועסט ווערן קומענדיגן זונטאג ביי די אסיפה, די מלמדים זענען זיך מתבונן דערין, עס זענען דא עלטערע מלמדים וואס זענען שוין צענדליגער יארן בשדה החינוך, און עס זענען דא יונגערע מלמדים וואס לייגן אריין כוחות עצומות מברר ומלבן זיין פארשידענע פראבלעמאטישע ענינים, אזוי אז ווען מ'זעצט זיך צוזאמען און מ'שמועסט אויס דעם נושא, איז דער תועלת געוואלדיג עד אין לשער.

## גרויס שמחה אין כיתה ג' ביי התחלת לימוד משניות

מאנטאג פ' בא איז געווען א יומא טבא לרבנן פאר די צעירי צאן קדשים, די טייערע תינוקות של בית רבן, וואס האבן בו ביום אנגעהויבן צו לערנען משניות מסכת ברכות צום ערשטן מאל. לכבוד התורה איז דער טאג געפראוועט געווארן מיט גרויס שמחה. די תלמידים זענען געקומען אין חדר מיט בגדי שבת.

א הערליכע סעודת ראש חודש והתחלת משניות איז צוגערייט געווארן אין עס-זאל פון די תלמוד תורה, די קינדער האבן זיך געזעצט צו געגרייטע סעודות, ווען בשעת מעשה טרעט אויף דער געטרייער מנהל רוחני הרב ר' משה הערש קליין שליט"א מיט א ווארעמע דרשה, ארויסברענגענדיג דעם אינערליכן משמעות פון די גרויסע שמחה, אז מ'האלט שוין ביים

די עלטערן ווערן אפגעווארט ביי יעדע כתה באזונדער מיט א ווארעמע אויפנאמע



שטאפל פון לערנען משניות.

די צאן קדשים האבן געזונגען פרייליכע ניגונים לשמוח בשמחת התורה, און מ'האט פארטיילט ממתקים.

## הערליכע פורים-שפיל ברענגט ארויס אמונה

א הערליכע פארשטעלונג איז געשפילט געווארן פארגאנגענעם זונטאג פ' כי תשא לכבוד פורים, אינעם בנין התלמוד תורה בנין מארקאוויטש, פאר אלע תלמידי הבנין, די כיתות א' ב' ג'.

דער שפיל איז באארבעט געווארן אויפ'ן איניציאטיוו פונעם מנהל רוחני פון כיתה א', הרב ר' דוד חנני' ווייס שליט"א, און א צאל פון די חשוב'ע מלמדים יראי ה', הרה"ח ר' אפרים פישל קויפמאן הי"ו, הרה"ח ר' יואל טייטלבוים הי"ו, הרה"ח ר' יואל פרידלענדער הי"ו, הרה"ח ר' נחמי' ניימאן הי"ו, הרה"ח ר' יואל משה פליישמאן הי"ו, האבן אפגעראכטן דעם שפיל, אויסגעשטעלט אזוי אז דער סיפור פון מגילת אסתר זאל אריינגעבן אין די יונגע תמימות'דיגע ריינע הערצערלעך א געפיל פון אמונה און בטחון און מסירות נפש פאר אידישקייט.

ווי רירענד איז דאס געווען ווען 'המן' האט געשריגן אויף מרדכי הצדיק "בוק זיך פאר מיר!", און די אריבער טויזנט תשב"ר האבן געשריגן פאר "מרדכי הצדיק" אז ער זאל נישט מורא האבן פון המן און זיך נישט בוקן, "ומרדכי לא יכרע ולא ישתחוה", ווען דער עומק איז גוט דערהערט געווארן פאר די קינדער וואס ס'מיינט ביישטיין א נסיון, און וואס עס מיינט צו האבן מסירות נפש צו זיין אן ערליכער איד.

דער גאנצער שפיל איז געווען פול מיט גייסטרייכע הנאה, עונג רוחני, און א שטארקער לימוד פון יראת שמים אמונה און בטחון.

## "אסיפת הורים" פון כיתות ו'-ט'

א געלונגענע "אסיפת הורים" איז פאררופן געווארן פאר די חשוב'ע עלטערן פון די תלמידים וואס לערנען פון כיתה ו' ביז נאך כיתה ט', דורך די מנהלים רוחניים הרב ברוך שלמה וויינבערגער שליט"א און הרב נפתלי הירצקא פריעדמאן שליט"א.

די אסיפה איז פארגעקומען דאנערשטאג פ' וארא אינעם בנין פון די תלמוד תורה בניני ווידער-פאלאטשעק אויף רימנוב קט.

די אסיפה איז געווען געווידמעט בלויז פאר דעם איינעם ציל אז די עלטערן זאלן האבן די מעגליכקייט זיך אויסצושמועסן מיט די מלמדים פון זייערע קינדער, אן קיין שום דרשות וכדומה. די מלמדים זענען אלע געזיצן אין זייערע כיתות, ביני עמודי דגירסא דארט וואו זיי לערנען מיט די קינדער איבער'ן טאג, און די עלטערן פון די קינדער זענען אריבערגעקומען איינציגווייז און זיך אוועקגעזעצט מיט'ן מלמד. דער מלמד האט אראפגעלייגט זיין אפשאצונג אויפ'ן קינד וואס ער זעהט פון זיין זייט, און דער









טאטע האט דאס אראפגעגעבן פון זיין שטאנדפונקט, און עס איז אויסגעשמועסט געווארן וואס עס דארף יעצט געטון ווערן להלכה ולמעשה, וואס עס איז דער גרעסטער תכלית פאר'ן קינד.

יעדער טאטע האט באקומען א געהעריגן אפשאצונג אויפ'ן קינד, ווי א דאקטאר מומחה שאצט אפ דעם געזונט צושטאנד פון א מענטש, און דאן האט דער מלמד ארויסגעברענגט וואספארא שטיצע פון שטוב וואלט געקענט זיין א שטארקע טובה פאר די הצלחה פון די קינדער.

## התעוררות דרשה פאר תלמידי כיתות ו'-ז'

לכבוד די ימי השובבי"ם איז אין די תלמוד תורה פארגעקומען א דרשת התעוררות בעניני שובבי"ם פאר די תלמידים, וואו מ'האט מעורר געווען די תלמידים צו ערליכקייט און אפגעהיטנקייט, און וויאזוי א אידיש קינד דארף נתגדל ווערן מיט א שאיפה צו קדושה, און זיך אליינס גודר גדר זיין צו וואקסן ערליך און הייליג.

דער מנהל רוחני הרב נפתלי הירצקא פריעדמאן שליט"א האט מכבד געווען הרה"ג ר' איתמר טובי' קופמאן שליט"א ר"מ בישיבה"ק, וועלכער האט פאר לאנגע יארן משמש געווען אלס מנהל רוחני אין די ת"ת, וועלכער האט מיט זיין אייגנארטיגן שפראך ארומגערעדט פאר די תלמידים דברי מוסר והתעורות בעניני שובבי"ם, און ער האט באריכות אראפגעלייגט די הדרכות ישרות וויאזוי א יונגל דארף זיך פירן, און אליינס וויסן הדרך ישכון אור.

די דרשה האבן שטארק עושה רושם געווען אויף די טייערע תלמידים, וואס זענען אוועקגעגאנגען פון די דרשה מיט קבלות טובות.

## "איחוד תלמידי כיתה ט" מסיים הונדערטער שעות רצופות

שטייענדיג ביים סיום פון די ימי השובבי"ם, האבן די בחורים פון כיתה ט' ארייגעלייגט גרויסע כוחות, און עס איז געווען אן אפטע ערשיינונג צו זעהן בחורים אויפשטיין גאר פרי פארטאגס און חזר'ן די בלעטער אין מס' קידושין מיט גרויס התמדה, וואס איז געווען א גרויסער קידוש ה'.

דערנאך האט די הנהלה צוזאמגענומען דעם חשבון פון די שעות רצופות וואס אלע תלמידים האבן געלערנט, און דאס אויפגעשריבן אויף א ספעציעלע רשימה, וואס ווערט איבערגעגעבן לידי קדשו פון כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א, אזוי ווי מ'האט מבטיח געווען פאר די תלמידים מתחילה.

עס איז געווען א העכסט צופרידענע ערשיינונג צו זעהן ווי יעדע כיתה פאר זיך האט געארבעט מיט 'קנאת סופרים' אז זיי זאלן האבן אריינגעברענגט די מערסטע שעות רצופות בסך הכל, ווען עס זענען געווען יונגע בחורים'לעך וואס א דאנק זייער התמדה האבן זיי באוויזן אנצוציען ביז איבער הונדערט שעות רצופות.

## תלמידי כיתות ח'-ט' הערן ווארימע דרשה שובבי"ם

אין די פארגאנגענע ימי השובבי"ם האט דער מנהל רוחני פון די עלטערע כיתות ח' און ט', הרב ברוך שלמה וויינבערגער שליט"א, אויפגעטרעטן מיט א גאר אינהאלטסרייכע דרשת התעוררות, אראפשטעלנדיג יסודות איתנים מדברות קדשם פון

# יונגע ת"ת קינדער ביי "חינוך באזון" אין מצה בעקעריי

פארגאנגענע פ' בא זענען אלע קינדערלעך פון די יונגערע כיתות פון די ת"ת געפארן צו די מצה בעקעריי אויף דינוב קט., וואס איז אויסגענוצט געווארן ארייצוגעבן 'חינוך' אין זייערע יונגע מח'לעך.

עס איז איינגעשטעלט געווארן א סיסטעם אז יעדע צוויי כיתות זאלן אריינגיין אינעווייניג אין די בעקעריי אויפאמאל, כדי יעדער זאל קענען רואיג זעהן און מיטהאלטן און די קינדער זאלן פארשטיין דעם גאנצן פראצעדור. די מלמדים האבן געמאכט אן עסק פון זיך 'אפשאקלען אינדרויסן' איידער מען גייט אריין אין די בעקעריי, אריינצוגעבן אין זיי א זהירות פון חמץ.

אינעווייניג האט מען זיי געוויזן ווי מ'וואשט זיך די הענט, ווי מ'מאכט די טייג, ווי מ'וועלגערט, מ'רעדלט, ווי מ'טראגט די מצות אין אויוון אריין, ווען די געטרייע מלמדים טוען אלעס געניו אנווייזן. די קינדער זענען געשטאנען דערביי מיט א שטארקע דרך ארץ, און זיי האבן זיך גוט אריינגענומען אין מח אלעס וואס זיי האבן געזען, ווען דאס דינט אינאיינוועגס אלס א שטארקע חינוך לעקציע וואס עס מיינט זהירות אין מצות מצוה.


ב"ה

מיר אלע טוען זיך באדאנקן

פאר דעם חשוב'ן ערנערגישן מנהל פון מצה בעקערי, הר"ר יצחק אייזיק לעווי שליט"א

און באזונדער פאר אלע חשובע מיטארבייטער פונעם ק"י מצה בעקעריי

רבוה"ק.

ער האט מרחיב הדיבור געווען איבער חובת כל היצור צו זיין ערליך און הייליג, ער האט ארומגערעדט באריכות דעם חומר הענין, און ארויסגעברענגט וויאזוי דער רבי בעל דברי יואל זי"ע האט אויסגעוואשן אידישע הערצער לתשובה ותיקון המעשים אין די הייליגע טעג. בתוך דבריו האט ער אראפגעשטעלט גענוי וויאזוי א יונגל אין בר מצוה עלטער דארף האבן זיינע גדרים וסייגים, שמירת עינים, שמירת המחשבה, שמירת הדיבור, און שטיין ווייט פון שלעכטע חברים ווי פון פייער.

די דרשה און די טייערע ווערטער האבן געמאכט א געוואלדיגן רושם אויף די תינוקות של בית רבן, און עס איז זיי אריין טיף אין די ביינער.

## דעלעגאציע פון תלמידי כיתה ט' ביים רבי'ן שליט"א

אין בעפארברייטונג צום גרויסן פארהער וועלן די כיתה ט' תלמידים לאזן זיך פארהערן ענדע יאר ביי הרבנים הגאונים שליט"א ובראשם ביי כ"ק מרן רבינו שליט"א, אויף אלע לימודים וואס מ'האט געלערנט במשך'ן יאר, לייגן שוין די תלמידים אריין שווערע כוחות מיט א יגיעה עצומה איבערצו'חזר'ן די אלע בלעטער און זיך קענען שטעלן צום פארהער.

אין די חדשים ביז איצט האבן די חשוב'ע תלמידים געענדיגט דעם ערשטן העלפט פון פרק "האשה נקנית", און יעצט האט מען זיך אנגעהויבן אריינצואווארפן לעבעדיג אין די ארבעט פון איבער'חזר'ן די גאנצע מסכתא לויט א געניעם סיסטעם וואס איז אויסגעארבעט געווארן דורך די הנהלה רוחניות, וואס דאס איז בעיקר אויסגעשטעלט אז עס איז כמעט נישטא קיין איין תלמיד וואס זאל ארויספאלן פון דעם סיסטעם.

פארגאנגענעם מיטוואך פ' תצוה, ווען מ'האט געענדיגט א ריזיגן סכום פון שעות ע"ג שעות וואס זענען גע'חזר'ט געווארן דורך די תלמידים במשך די לעצטע וואכן פון די ימי השובבי"ם, זענען אלע נעמען אויפגעצייכנט געווארן אויף א באזונדערע רשימה וואס איז אריינגעטראגן אל הקודש פנימה דורכ'ן מנהל רוחני הרב ר' ברוך שלמה וויינבערגער שליט"א און א משלחת פון דריי תלמידים מובחרים וואס האבן זוכה געווען בגורל צו קענען איבערגעבן די רשימה פאר'ן רבי'ן.

דער רבי שליט"א האט איבערגענומען די רשימה מיט א געוואלדיגע קורת רוח, און א לענגערע צייט האט ער איבערגעקוקט די אלע נעמען, און געהייסן איבערגעבן פאר די תלמידים פון כיתה ט' זיין גרויסע הנאה.

## "שבת ישמחו במלכותך" ביי תלמידי ישיבה קטנה

א הערליכער שבת פ' תרומה האבן אפגעהאלטן די תלמידי ישיבה קטנה ח"א בהנהלת הרה"ג ר' חיים אליעזר דאווידאוויטש שליט"א, ווען זיי זענען זיך צונויפגעקומען אינאיינעם פראוועןן די סעודות און תפילות שב"ק.

דער שבת איז געווען ווי א סיום צו די געהויבענע לעכטיגע ימי השובבי"ם וואס די בחורים האבן אראפגעלייגט מיט געהויבענע תפילות, אמירת תהלים, די נאכאנאנדע לימודי חמשה שעות רצופות יעדן איינציגן דאנערשטאג שובבי"ם, וואס דאס גאנצע ביהמ"ד האט מיטגעהאלטן, און צו די געלעגנהייט פון סיום חצי מס' ביצה און סיום מס' מגילה האט מען געפראוועט דעם שבת.

דער שבת איז געפראוועט געווארן אין זאל פון שאפינג סענטער. במשך דעם שבת שבת האט מען געהערט שיעורים פונעם מנהל שליט"א, הרה"ג ר' דוד שלמה עקשטיין שליט"א ר"מ, הרה"ג ר' שלמה זלמן וויינבערגער שליט"א ר"מ, הרה"ג ר' איתמר טובי' קויפמאן שליט"א ר"מ, הרה"ג ר' ישראל העניך שעהר שליט"א ר"מ, הרה"ג ר' ישראל מענדל געלב שליט"א, און הרב ר' יואל אשר לונגער שליט"א פון שיכון סקווירא.

## דרשות פון ר"י ישיבות לצעירים שליט"א אין צווילינג ישיבה

מיט גרויס יראת הכבוד האבן די תלמידי ישיבה לצעירים ח"ב, תחת הנהלת הרה"ג ר' זאב וואלף לאנדא שליט"א, מקבל פנים געווען הרה"ג ר' שלמה זאבעל שליט"א מו"צ ור"מ ישיבה לצעירים ח"א, וועלכער איז מכובד געווארן צו קומען אויפטרעטן מיט א דרשת התעוררות פאר די תלמידי הישיבה אין די ימי השובבי"ם, פארגאנגענעם זונטאג פ' שמות.

די בחורים האבן אויסגעהערט די דרשה מיט גרויס דרך ארץ, און מיט דורשט געשלונגען די טייערע ווערטער, וואס האט אויף זיי שטארק עושה רושם געווען, צו שטייגן מעלות רמות בתורה ובעבודת ה'.

עטליכע וואכן דערנאך, פארגאנגענעם מאנטאג פ' יתרו, חמשה עשר בשבט, איז פארגעקומען א קעגנזייטיגע געשעעניש, ווען די תלמידי ישיבה לצעירים ח"א, תחת הנהלתו פון הרה"ג ר' שלמה זאבעל שליט"א מו"צ ור"מ ישיבה לצעירים ח"א, האבן מקבל פנים געווען דעם ראש הישיבה פון ח"ב, הרה"ג ר' זאב וואלף לאנדא שליט"א אין די ישיבה, וואו ער האט אויפגעטרעטן מיט א לענגערע דרשת התעוררות בעניני תורה ותפילה, וואס די בחורים האבן אויסגעהערט מיט גרויס דרך ארץ, און מיט דורשט געשלונגען די טייערע ווערטער.

## געהויבענער שבת התוועדות דורך ישיבה לצעירים ח"א

די תלמידי הישיבה לצעירים ח"א האבן אפגעראכטן א "שבת התוועדות" על אחד ההרים אין סאראטאגע, פארגאנגענעם שבת פרשת תרומה העעל"ט, אינאיינעם מיט די ראשי ישיבות ומשגיחים שליט"א ובראשם הגאון ראש ישיבה שליט"א. דער שבת איז געווען ווי א המשך צו די לאנגע וואכן וואס די בחורים האבן עוסק געווען אין לערנען שעות רצופות, אנגעהויבן פון די התחלת ימי השובבי"ם איז דאס ביהמ"ד אויף די געציל בערגער בלווד. געווען ווי א חטיבה אחת פון התמדת התורה, ווען די בחורים האבן אומאויפהערליך גע'חזר'ט אלע מקצועות וואס מ'האט געלערנט דעם זמן.

די בחורים זענען ארויסגעפארן דאנערשטאג נאכמיטאג קיין סאראטאגע. נאך אין די ערשטע שעות, די נאכט פון ליל שישי, האבן זיי שוין אריינגעכאפט צו לערנען עטליכע שעות רצופות, וואס דאס האט אריינגעפירט דאס ווארעמקייט און התלהבות און אראפגעשטעלט א טאן פון התמדת התורה לכבוד שבת.

במשך דעם שבת האט מען עטליכע מאל געלערנט שעות רצופות. דרשות זענען געהערט געווארן פונעם ראש הישיבה שליט"א, הרה"ג רבי אהרן פריעדמאן שליט"א ר"מ בישיבה, הרה"ג רבי חיים בעריש פילעפף

שליט"א ר"מ בישיבה, הרה"ג ר' מרדכי אהרן זאבעל שליט"א, הרה"ג רבי יעקב יוסף קאהן שליט"א ר"מ בישיבה, און הר"ר איתמר טובי' שווארץ שליט"א.

## "אסיפת הורים" פאר הורי תלמידי ישיבה לצעירים ח"ב

זונטאג אווענט פ' ויחי זענען זיך די הורי התלמידים, צונויפגעקומען אינעם בית המדרש פון ישיבת עצי חיים, וואו מען האט געהערט א יסודות'דיגע חינוך דרשה פונעם ראש ישיבה הרה"ג ר' זאב וואלף לאנדא שליט"א.

די דרשה האט זיך באזונדער באצויגן לאור דעם היינטיגן מצב אין די גאס, וואס דער חינוך צעירי בחורי חמד איז פון די שווערסטע און האקעלסטע אויפגאבעס וואס איז מוטל אויף די עלטערן, און מ'איז אנגעוויזן אויף גאר אסאך סייעתא דשמיא און רחמי שמים אז מ'זאל זוכה זיין צו קענען מעמיד זיין דורות ישרים ומבורכים.

דער ראש ישיבה שליט"א האט געבויעט דעם קשר צווישן די הנהלה און די עלטערן, און אויפגעפאדערט אז אויך אין שטוב זאל באגלייט ווערן אלעס וואס איז נוגע צו די ישיבה, וואס דאס איז א הויפט שליסל פאר די הצלחה פון די בחורים.

## געהויבענער שבת התוועדות דורך ישיבה לצעירים ח"ב

די תלמידי הישיבה לצעירים ח"ב זענען נאך אלס אונטער דעם געהויבענעם איינדרוק וואס עס האט אויף זיי איבערגעלאזט דער "שבת המתאחדת בתורתיך", פארגאנגענעם שבת פרשת יתרו העעל"ט.

די בחורים זענען ארויסגעפארן מיטוואך נאכט קיין סאראטאגע. אנקומענדיג איז שוין געווען ארום 9 אזייגער ביינאכט, אבער דאך האבן זיי באוויזן דעם קונץ און נאך אין די ערשטע נאכט האבן זיי שוין ארייגעכאפט א צוויי שעה רצופות, וואס האט זיך ארייגעצויגן ביז נאך חצות הלילה. דאנערשטאג איז געווען א געהויבענער טאג. נאכ'ן דאווענען און עסן א מלכות'דיגער פת שחרית האט זיך אנגעהויבן א סדר פון 5 שעות רצופות לרגל די ימי השובבי"ם, וואס אלע תלמידי הישיבה האבן געלערנט מיט גרויס התמדה. דער סדר האט זיך פארצויגן ביז שפעט נאכמיטאג ווען מ'האט געדאווענט מנחה, און געגעסן נאכטמאל.

במשך דעם שבת קודש האט מען, אין צוגאב פונעם ראש הישיבה שליט"א געהערט דרשות הרה"ג פה מפיק מרגליות ר' אהרן קאהן שליט"א, ראה"כ במאנטרעאל, הרה"ג ר' אבא חייא טויבער שליט"א ר"מ שער אפרים, הרה"ג ר' זלמן לייב בערנאטה שליט"א ר"מ, הרה"ג ר' יעקב אלעזר לאנדא שליט"א בן הראש ישיבה, הרה"ג ר' שמעון אברהם ראטה שליט"א ר"מ, הרה"ג ר' יונה גוטטמאן שליט"א ר"מ, הרה"ג ר' יעקב צימערמאן שליט"א ר"מ בישיבת אור תורה, הרה"ג ר' שלום ראטטענבערג שליט"א מוואוידיסלאו, ר"מ בישיבה"ק, הרה"ג ר' רפאל דערשאוויץ שליט"א ר"מ בישיבה"ק, הרה"ג ר' יואל לעווי שליט"א שו"מ בישיבה, הרה"ג ר' עזריאל יאקאבאוויטש שליט"א מרבני הכולל ד'טארטיקוב און איידעם ביים ראש ישיבה שליט"א, הר"ר שמואל שלמה טעללער שליט"א, און א שיעור נפלא בעניני "שעטנז" דורך הרה"ג ר' דניאל דוד שטיינבערג שליט"א.

## "הדר קבלה" אין ישיבה לצעירים ח"ב

אן אייגנארטיגע חבורת "הדר קבלה" איז געגרינדעט געווארן אין די ישיבה לצעירים ח"ב, וואס איז מיוחד צו ברענגען דעם התעוררות פאר לערנען שעות רצופות אין חודש אדר.

די בחורים האבן זיך מקבל געווען צו לערנען שעות רצופות יעדער איינער לפום דרגא דילי', א גרויסער טייל פון די תלמידי הישיבה האבן זיך מקבל געווען צו לערנען אלע סדרים פון פארטאגס ביז ביינאכט בלי שום הפסק כלל, אן אנדערע טייל האט זיך מקבל געווען די קבלה רוב שיעורים איבער'ן טאג.

אינעם היכל הבית המדרש פון די ישיבה קען זיך דוכטן ווי עס איז יעצט ראש חודש חשון, דער קול תורה דונערט, פון איין עק ביז צווייטן עק זיצט מען און מ'חזרט איבער די לימודים, וואס די טעג איז מיוחד און מיוסד צו חזר'ן די לימודים, סיי אין מס' שבועות די שיעור עיון, אויך אין שו"ע יו"ד. די בחורים האבן באקומען אייגנארטיגע ספעציעלע קארטלעך אין וועלכן זיי צייכענען אריין וויפיל שעות רצופות זיי לערנען, און זיי וועלן אי"ה זוכה זיין אין פארשידענע פרסים.

באזונדער, אין די טעג פאר פורים האט דער ראש הישיבה שליט"א געגרינדעט א נאבעלן פראיעקט פון "קופת הלבשה" לתלמידי ישיבה לצעירים ח"ב". פארגאנגענעם פורים העעל"ט זענען די תלמידי הישיבה ארומגעגאנגען איבער די שטאט, צו באזוכן אין די שטיבער פון די נדיבים בעם, און זיי האבן ב"ה אריינגעברענגט הערליכע סכומים לטובת דעם חשוב'ן דבר מצוה.

## לייענט מיט שפאנונג אין די קומענדיגע מוסדותינו:




מנהלת: מרת פריעדמאן שתחי'

קלאסן: 26

קינדער: 813

געביידעם: בניני ווידער-פאלאטשעק-קעפעטש

יארגאנג: 10-14 יאר

לימודים: פרשה, דאווענען, תהלים, פירוש המלות, אמונה והשקפה, מדות, הל' ברכות, הל' סעודה, יהדות, סדר הדורות, אידישע שפראך, ל"ט מלאכות, שרייבן, געשיכטע און אידישע היסטאריע, משלי און מוסר



צדקה צוועק #1
...וכן ס״ל להרב ז״ל (סעיף ג׳) דמי שיש לו בנים בת״ת וידו משגת, יש לו לשלם כל ההוצאות שמצויין בעבודה,
(ועוד זאת שיש לו להשתתף בביטוי ההוצאות לילדי העניים, דזה מוטל על כל בני העיר ביא כפי ערכו). ומי שאין
ידו משגת ומשלם רק סכום מועט, מ״מ אם יש לו מעות צדקה, בראש וראשון צריך לשלם ולהחזיק בהת״ת
שבו לומדים בניו וכו׳, שזה קודם לכל מצד הדין"...
(מנחת יצחק חלק ״)
אשריך, אז איר האט א חלק אין פארשידענע וואוילטעטיגע צוועקן, אבער
פארגעסט נישט פונעם יסוד...
די "ערשטע" זאך באצאלט פאר'ן חינוך פון אייער קינד!
ביומו תתן שכרו קאמפיין
$250 מיט לכה״פ
נעמט א חלק אין דעם
"ביומו תתן שכרו קאמפיין"
דינער - קרן ויואל משה - בן גמלא
Circle Design



מ׳טרעפט מן ביי די טיר



מ׳פירט זיך צו געבן עסן פאר די פייגעלעך



די
חמשה עשר
פרוכט

וואס די
קינדער האבן
געמאכט

## די מעשה פון הלל הזקן



דער שמש לאזט נישט אריין נאר אז מ׳גיט געלט



אין שוהל פון שמעי׳ און אבטליון



א מענטש אויפ׳ן דאך

## חודש אדר

מוסדותינו

# מגילת אסתר פארשטעלונג אין קינדערגארטן













חודש אדר

# די קינדער פארשטעלן זיך לכבוד פורים


ווי קלאוניס


ווי א קלאוני


ווי א ספר תורה


ווי טרויבן


ווי אחשורוש


ווי א רבי


די פיצעלעך אויך פארשטעלט


ווי מרדכי הצדיק


ווי מרדכי הצדיק

## חודש אדר

# ביומו תתן שכרו קאמפיין

# נדבה גורל $250

## 25 טייערע חפצים







1. שמחה אין קרן ויואל משה
2. שמחה אין עטרת פיגא (20 קאפעל)
3. זילבערנע קערה
4. וויין פלאש
5. כוס של אלי-הו
6. בעכער מיט טאץ
7. שבת' דיגע טישטיך
8. עמברוידערי סעט (שפילמאן'ס)
9. קיטל
10. שבת'דיגע/וואכנדיגע טלית
11. אפיקומן פעקעדזש
פאר די משפחה ביי דורן אפיקומן סענטער
12. טשיינע דישעס סעט
13. עסצייג סעט
Wallace stainless steel
14. Braun food processor with juicer
15. Braun food processor with juicer
16. גראסערי $250
17. גראסערי $250
18. בוטשער $200
19. בוטשער $200
20. בוטשער $200
21. הארדווער $200
22. פעיפער גודס $300 (PPP)
23. ביבער הוט (קרויס)
24. נאכטמאל
פאר אייער גאנצע משפחה
25. נאכטמאל
פאר אייער גאנצע משפחה









# בן גמלא גורל

אויסגעצאלט

## 10 ווערטפולע חפצים







1. שמחה אין אולם עקשטיין (20 קאפעל)
2. G&G בר מצוה פעקעדזש
3. פסח-קאך אפלייענסעס
Microwave oven, food processor
6 Qt. Crockpot, Hot Plate
4. א גרויסע פריזער (א"י ג"ב מעידשער אפלייענסעס)
5. לעדערנע רעקליינער
6. גראסערי $500
7. בוטשער $300
8. טשיינע דישעס סעט
9. הערליכע עסצייג סעט
Wallace stainless steel
10. הארדווער $300



## נדבה גורל
אינפארמאציע

פאר יעדע נדבה פון
לכה"פ
**$250**

אויף'ן חשבון פון סיי וועלכע נדבה,
צ.ב.ש. דיינער געלט - בן גמלא
מצדיקי הרבים - קרן ויואל משה

וועלן אריינגיין אין דעם
צענטראלן גורל אויף

**פינף און צוואנציג טייערע חפצים**

זעה ליסטע בייגעלייגט

פאר יעדע $50
גייט איר נאכמאל אריין אין גורל

## בן גמלא גורל
אינפארמאציע

פאר די אלע וואס זענען
**אויסגעצאלט**
אדער צאלן אצינד אויס
זייער "בן גמלא"
ביז חודש ניסן, ועד בכלל
(מיט קעש, קרעדיט קארד א.ד.ג.)

וועלן אריינגיין אין א גורל אויף

**צען ווערטפולע חפצים**

זעה ליסטע בייגעלייגט

אויף יעדן חודש
וואס איר צאלט פאראויס,
גייט איר נאכמאל אריין אין גורל

DESIGN & PRINT / 845.782.3382